STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10303

LIDER UN POEMEN

Israel Jacob Schwartz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. שוואַרץ / געקליבענע לידער

גאָלדענע
קייט

לידער און פּאָעמען



לידער און פּאָעמען

פֿאַרלאַג די גאָלדענע קייט
תל־אָבֿיבֿ 1968

י. י. שוואַרץ — געקליבענע לידער

פֿאַרלאַג די גאָלדענע קייט. תּל־אָבֿיבֿ. ישׂראל

I. J. SCHWARTZ — GEKLIBENE LIEDER

©

Published by DI GOLDENE KEYT

Printed in Israel 1968 נדפס בישראל

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294





די דאָזיקע זאַמלונג פֿון י. י. שוואַרצס לידער און פּאָעמען ווערט אַרויסגעגעבן דורך די גאָלדענע קייט, ווי אַן אויסדרוק פֿון ליבשאַפֿט צו דעם פּאָעט פֿון „קענטאָקי״, וואָס איז, אַזוי דאַכט זיך, געווען דער עלטסטער פֿון די „יונגע״ אין אַמעריקע, ווען זיי אַלע זענען נאָך באמת געווען יונג אין יאָרן און זינגענדיקע יונגשאַפֿט האָט פֿאַרויסגעריסן זייער שאַפֿונג.

איך מיין מיט דעם צו זאָגן, אַז ווען י. י. שוואַרצס קאָפּ איז נאָך געווען שוואַרץ, האָט ער שוין געלויכטן מיט דער חרמון־ווײַסקייט פֿון אַ באַיאָרנטן קלאַסיקער.

אַז מען וויל — איז די אויסגאַבע אַ מתנה צו זײַן יום־טובֿ.

ווען איז דער יום־טובֿ? לאָמיר אויסזאָגן דעם סוד: שטענדיק ווען דו באַגעגנסט זיך מיט אַ דעם ליכטיקן פּאָעט, סײַ ווען דו לייענסט זײַן ליד, עכט און גענאַדיק ווי ערד, וואָס דו קענסט זיך ניט פֿאָרשטעלן אַז איר קאָליר קאָן זײַן אַנדערש; און סײַ ווען דו טרעפֿסט זיך מיטן פּאָעט גופֿא, און האָסט די הנאה צו פֿאַרנעמען זײַן טיפֿן, וואַרעמען קול, ווי אַרויסגעשפּילט פֿון אַ וויאָלאָנטשעל.

דער יום־טובֿ איז נאָך פֿולער — אַז מען באַגעגנט זיך מיט בײדן, אויף לאַנגע יאָרן!

לאָמיר שוין אויסזאָגן נאָך אַ סוד: דער מתּנה־אײַנפֿאַל איז געקומען ספּאָנטאַן, בעת אַ שמועס אין ירושלים מיט אונדזער נשיא זלמן שזר — אַ לאַנגיעריקער חבֿר און פֿאַרערער פֿון י. י. שוואַרץ.

— מען וואָלט געדאַרפֿט י. י. שוואַרצן מיט עפּעס מהנה זײַן — האָט געזאָגט דער נשיא.

— דאָס בעסטע, אים צוטראָגן אַ מתּנה: זיך אַליין. ס'הייסט, אַ זאַמלונג פֿון זײַנע לידער, און טאָקע צום יום־טובֿ פֿון צוואַנציק יאָר מדינת ישׂראל — האָב איך געענטפֿערט.

אַזוי איז געבוירן געוואָרן דאָס בוך. אַ פּאָעטישער יום־טובֿ אַרײַנגעקייטלט אינעם יום־טובֿ פֿון אונדזער פֿאָלק.

די לידער — אַן אַנטאָלאָגיע פֿון אַ זעקס צענדליק יאָר אָריגינעלער שאַפֿונג — האָט דער פּאָעט אַליין אָפּגעקליבן, דאָ־דאָרט געשליפֿן, געקירצט, רעדאַגירט. קיין דאַטעס, אַחוץ אונטער די פֿראַגמענטן פֿון „קענטאַקי", האָט ער ניט אָנגעגעבן. איך דערטראַכט זיך זײַן כּוונה, אַפֿילו ווען דער פּאָעט האָט זי פֿאַרבאָרגן: צו וואָס צונאָגלען צו פּאָעזיע צײַט ווען אמתע פּאָעזיע (ווי איר זעט עס) איז אַלע מאָל יונג, פֿריש, צײַטיק און איבערצײַטלעך?

אַזאַ איז טאָקע געווען די תּפֿילה פֿון פּאָעט, וואָס איז דערהערט געוואָרן:

> איין ווונטש, אַן איינציקן, טראָג איך אין האַרצן:
> מײַן עלטער זאָל מײַן יוגנט ניט פֿאַרשעמען —
> איך זאָל די לאַסט פֿון פּײַן און יאָרן טראָגן
> מיט ווערדע און מיט שטאָלץ, ווי יענער דעמב,
> וואָס כ'האָב געזען אַ פֿלאַמיקן אין טיפֿן האַרבסט.

אַבֿרהם סוצקעווער

אין ליכטיקן אָנדענק
פֿון מײַן טאָכטער צלה

פֿון "קאָנטאַקט"

BLUE GRASS

די ברייטע פֿלאַכן פֿון קענטאָקי —
שוין פֿיל איך זייער צאַרטן אָטעם;
שוין האָט מיך זייער זון באַלויכטן
און ס׳האָט מיך זייער בוים באַשירעמט.
און איך, אַן אייניקל פֿון וואַנדער,
וואָס האָט גאָטס וועלט דערשפּירט אין ליטע
מיט אירע רוישנדיקע וועלדער
און בלויע חנוודיקע טײַכן —
איך האָב מיך אויף דער שוועל פֿון יוגנט
אין מאַלשטראָם פֿון ניו־יאָרק געפֿונען,
בײַם גרויסן ברעג פֿון געלן האָדסאָן,
וווּ ס׳גיסן זיך צונויף די שטראָמען
פֿון גאָר דער גרויסער וועלט און ברייטער.
און כ׳האָב מיך אויסגעלערנט לעבן
דעם גרויסן אייביק־ווילדן אומרו —
ביז טײַער איז ער מיר געוואָרן
מיט זײַנע אומגליקן און גליקן,
מיט זײַנע רײַכטימער און דלות,
מיט זײַן פֿאַרשטיקטן קרעכץ און יובל.
כ׳האָב ליב זײַן גאָלדן־האַרבסט אין פּאַרקן
פֿון קופּער און פֿון בראָנדז געגאָסן
מיט זײַנע וואַרעם־בלויע הימלען,
און ליב דעם ים־ברעג פֿון ניו־דזשוירזי,
וווּ אייביק שלאָגן־אָן די כוואַליעס
און גיסן זיך פֿון גרין אַריבער
אין העל־בלוי און אין טונקל־בלויען,

באַזוימט מיט פּערלדיקע שפּיצן.
און איצטער ווען מײַן קאָפּ נעמט גרויען,
איך שטיי אויף די קענטאַקי־פּלאַכן
מיט זייער ווייכן, בלויען הימל
און ברייטער, ניט געצוימטער ווײַטקייט,
מיט פֿרישע ליכטיקע פֿרימאָרגנס,
מיט גרינע ברייטע טאַבאַקפֿעלדער
און לאַנקעס בלויליך־גרינע גראָזן.
און אין די נעכט, פֿאַרשטערנט־נאַענט,
דערגייט צו מיר דאָ אויפֿן גאַנעק
פֿון פֿערד דאָס הירזשען, און די קלאַנגען
פֿון מאַנדאָלינעס — ווייכע, צאַרטע,
וואָס ווערן באַלד צעבראָכן לוסטיק
מיט אַ יונגאַרטיק הילכיק לאַכן
פֿון גרויסע, שוואַרצע נעגערקינדער.

ווינטער

דער הויף מיט בראָכוואַרג האָט זיך אײַנגעזעצט,
אַרײַנגעפֿרוירן מיט די אײַזנס אינעם אײַז,
און פֿון די אײַזנס האָט געשמעקט מיט ראָסט,
געיאָגט פֿון זיך מיט ברענענדיקער קעלט.
אין שטוב האָט טאָג ווי נאַכט געברענט דער אויוון,
נאָר ס'הויז איז אַלט געווען און קאַלט און אומעטיק —
און ס'זײַנען אויף די ווענט אַרויסגעוואַקסן
געדיכטע, שווערע פֿאַנצערן פֿון אײַז,
ווי אײַטער־פּענכערס אויף אַ קראַנקן גוף,
וואָס האָבן אין דעם בלייכן שײַן פֿון טאָג
אַ וויסטע מרה־שחורה אָנגעוואָרפֿן.
די זיידעס אויף די ווענט האָבן געפֿרירט,
געוואָרן בלאַסער מיט די גרויע בערד;
די אַלטע באָבעס מיט די דינע ליפּן,
זיי האָבן זיך געקרימט אין בלוי פֿון קעלט.
און אַז אין דרויסן האָט גענומען אָפּגיין —
האָט אָנגעהויבן רינען פֿון די ווענט
מיט לאַנגזאַם קריכנדיקע מוטנע טראָפּנס.

אַרויסצוקריכן פֿון דער מאַמעס בעט
איז פֿרעלען שווין ניט געווען באַשערט —
דאָס הערצל האָט געכריפּעט ווי אַ זעג
און ס'האָט דאָס פּנימל געפֿלאַמט אין צונטער;
די בלויע אויגן האָבן היים געברענט,
געגאָסן זיך אין וואַנדערדיקן ליכט.
די בלאָנדע הערלעך האָבן אויסגעזען,

ווי זאַנגען אויף אַן אָפּגעברענטן פעלד.
איר אָרעם גופל מיט די כרופּקע ביינדלעך
האָט פלאַמענדיק געברענט, געברענט, געברענט,
אַרויסגעברענט פון בלאַסע לײַלעכער,
ווי ס'ברענט די זון אַרויס אין ווינטערפעלד
אויף ווײַסן שניי אין שטילן אונטערגיין.
און אַז דאָס ליכט האָט אָנגעהויבן אויסגיין,
פאַרציִען זיך ווי מיט אַ הײַטל גלאָז —
און אַז די גלידער אירע האָבן שטײַף און האַרט
זיך אויסגעצויגן אין דער פולער לענג;
און אַז די מידע ברוסט פון אָרעם קינד
האָט שוין צום לעצטן מאָל אַ שלוכץ געטאָן,
ווי ס'שלוכצט אַ פויגל פאַרן שטילן שלאָף —
האָט אַלץ נאָך פונעם בעט מיט היץ געשלאָגן,
מיט רויטער היץ און גרויען מאַרגנליכט.

האָט זיך דער טאַטע אָנגעטאָן אין בעסטן בגד,
פּאַמעלעך זיך אַרויסגעשלײַכט פון טיר.
און אַז ער איז צוריקגעקומען שפּעטער
מיט צוויי-דרײַ אַלטע אָנגעזעענע שכנים —
איז שוין דער קליינער גוף געווען געוואַשן,
פאַרוויקלט אין די ווײַסע לײַלעכער,
מיט ברענענדיקע ליכט אַרום צוקאָפּנס.
די מאַמע איז געשטאַנען שטיל-אַנטשוויגן,
אָן ווערטער זיך געטרייסלט מיטן גאַנצן גוף
און זיך פאַרגאַנגען אין איר שטומען צער.
פון קליינעם שטיפער דזשייק — איז איבערנאַכט
צוריק דער אַלטער יאַנקעלע געוואָרן,

אן אָרעם ייִנגל פֿונעם ייִדיש שטעטל;
דאָס פּנים בלייך, פֿאַרשפּיצט און אויסגעצויגן —
געזאָגט דעם תּהילים דורך פֿאַרשטיקטע טרערן;
און ס׳קולכל האָט געציטערט, זיך געוויגט
אין דעם געבראָכן־יאָמערלעכן ניגון.
און אַז די שכנים זײַנען אָנגעקומען
אין דער געפּרעסטער לופֿט פֿון הויז פֿון טויט —
האָט זיי אַרומגעכאַפּט די שווערע אימה.
עס האָבן דראָענדיק אויף זיי אַראָפּגעקוקט
די גרויע בערד און פֿרעמדע שטרענגע אויגן
פֿון פֿײַכטער ווינטערדיקער וואַנט אַרונטער.
דער ייִדענעס פֿאַרגליווערט ווייגעשטאַלט
און דזשייקים קולכל מיטן פֿרעמדן ניגון,
זיי האָבן אָנגעוואָרפֿן אויף די געסט
די גרויסע אימה; און דער הויכער ייִד
איז מיט אַ מאָל געוואָרן פֿרעמד און ווײַט,
ס׳איז גאָר ניט דער וואָס האַנדלט מיטן בראָכוואַרג —
אַ שטרענגער, ווי די בילדער אויף דער וואַנט,
מיט שטאַרע, טרוקענע און רויטע אויגן.
און ס׳האָבן זיך די הענט פֿון זיך אַליין געשטרעקט
צו אויסמאַכן דעם צייכן פֿונעם צלם.

און אַז דער ייִד האָט אָנגעהויבן ריידן —
האָט מיט אַ שטילן ווייטיקדיקן צער
געטריפֿט פֿון הארטן הייזעריקן קול,
פֿון די צעווייטיקטע און ייִאושדיקע אויגן
און פֿון פֿאַרשוואַרצטע און פֿאַרשטײַפֿטע פֿינגער
מיט וועלכע ער האָט אין דער לופֿט געשטאָכן

צום ווינקל צו, ווו ס'איז דער קליינער גוף
געלעגן אויסגעלייגט אויף ווײַסע בענקלעך:
„מײַן טויטער ליגט פֿאַר אײַך, איך זוך אַ פּלאַץ
מײַן עופּעלע, מײַן קליינס, מיט ערד פֿאַרשיטן;
איך בין אַ פֿרעמדער דאָ צעווישן אײַך,
זאָל גאָט אײַך העלפֿן, ווי איר האָט ביז הײַנט
מיר בײַגעשטאַנען אין מײַן טאָג פֿון נויט —
באַווײַזט אויך צו מײַן טויטן אײַער גנאָד,
באַוויליקט מיר אַ קבֿר פֿאַר מײַן קינד!"
און זײַנע ווערטער האָבן אָנגעשלאָגן
מיט ציטערדיקן אָפּרוף אין די הערצער;
און איינער האָט אַ פֿולע טרער פֿאַרווישט,
אַ צווייטער האָט מיט גראָבע שווערע פֿינגער
גענישטערט לאַנג אין בײַטל פֿונעם טאַבאַק,
געזוכט, געזוכט און נישט געקענט דערזוכן,
מיט אויגן טיף פֿאַרגראָבענע אין בײַטל.
אַ רגע איז געווען שטיל און טויט —
מ'האָט בלויז געהערט דאָס פֿאָכן פֿון נשמה-ליכט,
דער ייִד מיט די צעשפּרייטע הענט אין לופֿט,
די שכנים מיט די בלויזע ווײַסע קעפּ
געבויגן אינעם אָנגעזיכט פֿון טויט.
דערנאָך האָט זיך דער עלטסטער פֿון די שכנים
אַרויסגערוקט פֿאַרויס, געבליבן שטיין,
און מיט אַ קול אַ שטילס געזאָגט זײַן וואָרט:
„דאָס בית-הקבֿרות-פֿעלד איז פֿאַר דיר אָפֿן,
קלײַב אויס אַ פּלאַץ דיר אין די קינדער-רייען
און גראָב אַ קבֿר פֿאַר דײַן טויטן קינד".
האָט זיך דער ייִד עניוותדיק פֿאַרבויגן

און שטיל און צוטרויליך גערעדט פֿון ס'נײַ:
„איין לעצט געבעט נאָך, אייגנס ציט צו אייגנס,
און ווען מײַן לעצטע שעה וועט אויסשלאָגן,
וואָלט איך געוואָלט אַז מײַן געביין זאָל רוען
צווישן מײַנע אייגענע, מײַן פֿלייש און בלוט;
די גלויבנס אונדזערע זײַנען פֿאַרשיידן —
דאָך אַלע זײַנען שטויב פֿון זעלבן שטויב
און אַלע דינען מיר צום זעלבן גאָט,
און גאָט וועט אײַך באַלוינען פֿאַר דעם חסד.
איך בעט אַן אָפּגעזונדערט שטיקל פּלאַץ
מײַן אייגענעם בית-עולם צו באַנײַען;
און אויב ס'איז מיר באַשערט נאָך יאָרן דאָ,
וועל איך אײַך אָפּצאָלן דעם גרויסן חובֿ".
און הייסע טרערן האָבן זיך צעלאָזט,
געפֿלאָסן פֿון די ווייטאָקלעכע אויגן,
פֿאַרקראָכן אין די קנייטשן פֿון די ליפּן,
פֿאַרלוירן זיך אין טיפֿע האָר פֿון באָרד.

און אַז ער האָט געהאַקט דעם קליינעם קבֿר
דורך שווערן אײַז און ווינטערדיקער ערד
אין אָפּגעלייגטן בערגל פֿונעם פֿעלד —
האָט זיך דער קוואַל פֿון טרערן אָפּגעשטעלט
און ס'האָבן זײַנע אויגן אָנגענומען
צוריק דעם טרוקענעם און שאַרפֿן גלאַנץ.
און אַז ער האָט דאָס קינד אַראָפּגעלאָזט
אין דער געפֿרוירענער און געלער גרוב,
און ערשטע געלע האַרטע הרודעס האָבן
גענומען פֿאַלן אויף די ווײַסע ברעטלעך

אין ווייסער קאַלטער שטילקייט וואָס אַרום —
ערשט דעמאָלט איז די פֿרוי צו זיך געקומען.
איר קוואַל פֿון טרערן האָט געעפֿנט זיך
און דאָס פֿאַרשטומטע קול האָט אויפֿגעלעבט,
געריסן זיך אין גרוב אַריַין מיט טרערן.
„לויף, קינד מיַינס, לויף! — האָט זי איר האַרץ געגאָסן —
און מי זיך פֿאַר די הייליקע אמהות.
דערצייל זיי פֿון מיַין לעבן וואָס איז שווער און ביטער,
און בעט, זיי זאָלן מיִען זיך פֿאַר אונדז,
אַז יאַנקעלע זאָל אויסוואַקסן און זיַין אַ ייִד,
אַז ס'זאָלן מער דיַין טאַטע און דיַין מאַמע
ניט וויסן שוין פֿון שלעכטס און צער און אומגליק".
און ס'האָט די גרוב דערוויַיל זיך אָנגעפֿילט,
זיך אָנגעשאָטן ביז די וויַיסע ראַנדן —
און ס'האָט אַרום געשפּרייט זיך וויַים און שטיל
דאָס פֿרעמדע פֿעלד אין אויסגעבעטן שניי
מיט קליינע וויַיסע בערגלעך דאָ און דאָרט,
מיט אָנגעלאָזטע צלמים ביַי צוקאָפּנס,
וואָס לויכטן קאַלט מיט טיפֿן גרין אין שניי.
און איבער וויַיסע בערג און בלויע טאָלן
און איבער גרינע אָזערעס מיט איַיז —
איז שטיל און צוטרוילעך געוועזן צעהאַנגען
אַ נאָנטער און אַ וויַיטער ווינטער־הימל
מיט בלויע פּאַסן צווישן וויַיסע וואָלקנס,
מיט ראָזיקע סימנים אויפֿן שניי
פֿון קאַלטער ווינטערדיקער אָוונטזון.

באַרג־אַרויף

אַז דזשאָש האָט אָפּגעקויפּט דעם אַלטן טאָמפּקינס פּלאַץ —
האָט ער דערשפּירט זיך פּלוצעם ווי ער וואָלט
געלאָזן טיפע וואָרצלען אין דער ערד.
זײַן בליק איז מיט אַ מאָל געוואָרן זיכער,
געוואָרן גוטמוטיק און קלאָר און שמייכלדיק;
זײַן פעסטער טראָט אין אַלטן ברייטן הויף
האָט אויסגעקלונגען זיכערקייט און מוט;
און אין די קנייטשן פון דער קין און ליפּן
האָט אָנגעהויבן שפּילן לײַכט אַ שמייכל.

עס האָט פאַר אים זיך אָנגעהויבן ציִען
אַ קייט פון רויִקע און אַרבעטזאַמע יאָרן.
מיט לײַב און זעל פאַרטאָן אין זײַן געשעפט,
האָט ער אַליין ווי ניט באַמערקט, ווי דורך דער צײַט
איז ער געוואָרן אײַנגעוואַקסן אין דער ערד,
ווי אַלץ איז אים געוואָרן נאָנט און אייגן.
זײַן ענגליש-צונג איז אים געוואָרן פרײַ
מיט יעדן בייג און אויסדרוק פון די שכנים;
ער האָט געהאַט אַ וויץ פאַר יעדן איינעם,
אַ פרײַנדלעך וואָרט, אַ קלוגן קורצן משל
גענומען פון אַ שכלדיקן מדרש,
פון וואָס די שכנים פלעגן אָנקוועלן.
האָט מען באַדאַרפט צו בויען אַ שפּיטאָל,
צי אויפשטעלן אַ נײַע קירך — דאַן איז מען
געקומען נאָך אַ בײַשטײַער צו דזשאָשן.
מ'האָט זיך גענומען צוהערן צו אים,
אין אַ פאַרלעגנהייט וועט מען שוין קומען
צום אַלטן דזשאָש צו האַלטן זיך אָן עצה.

און פֿלעגן שכנים קומען צון אַ סיכסוך —
פֿלעגט אָפֿט מאָל דזשאָש די צדדים אויסגלײַכן
און ברענגען זיי צו שלום דורך אַ פּשרה.
און נאָך דעם ווי די נײַע גוטע פֿרײַנד
באַנעצט האָבן דעם שלום מיט אַ טרונק —
דאָ פֿלעגן זיי אויף זיך אַליין זיך חידושן:
למאי מען האָט זיך קריגן גאָר באַדאַרפֿט?
געהאַלטן אין איין טענהן מיט התלהבֿות:
„איַי, דזשאָש, ער טראָגט אַ קאָפּ אויף זײַנע פּלייצעס!"

אַז דזשאָש האָט אויפֿגעבויט זײַן לעבנס-בנין,
איז שוין זײַן קאָפּ געווען אַדורכגעשטרײַפֿט
מיט אײַזן-גרויע פּאַסמעס האָר; זײַן פּנים
פֿאַרבאַקן אין אַ העלער ציגל-רויטקייט,
מיט טיפֿע קנייטשן אַרום שטאַרקן מויל —
האָט מיט באַהאַלטן זיכערקייט געשמייכלט.
דאָס הויז און הויף זײַנען געווען פֿול
מיט שלאַנקע און אַטלעטיש-שטאַרקע זין
און יונגע, דינע, פּוריטאַנער טעכטער
אין ווײַסע קליידער און מיט לאַנגע צעפּ,
מיט ריין-געשניצטע ברוינע פּנימער.
נאָר די זײַנען געווען שוין פֿרעמד און ווײַט
פֿון אַלטן שטאַם; אַפֿילו ער, דער טאַטע,
איז דורך דער צײַט געוואָרן פֿרעמד צו אַלעם,
געוואָרן גלײַכגילטיק און קאַלט צום גלויבן.
דעם שׂטן, אַז דו גיסט אים בלויז איין פֿינגער —
פֿאַרלאַנגט ער באַלד די גאַנצע האַנט; צו ערשט
פֿאַרפֿעלט אַ דאַווענען, שפּעטער נאָך איינעם,
ביז ער האָט אויפֿגעהערט אין גאַנצן דאַווענען.
דעם שבת פֿלעגט ער האַלטן נאָך געשלאָסן —

נאָר איַינגיין איז עס אים ניט איַינגעגאַנגען.
אַנשטאָט צו רוען און אַריַינקוקן אין ספֿר
האָט אים דער קאָפּ געטראָגן און געשלעפּט,
און וואָס מער דאָס געשעפֿט האָט זיך צעוואַקסן
איז אַלץ דער שבת מער צו לאַסט געפֿאַלן.
און אָפֿט מאָל פֿלעגט ער שבת, אומגעריכט,
זיך כאַפּן אַז ער חשבונט מיט אַ בליַיפֿעדער —
פֿלעגט ער אַ וויַיל פֿאַר זיך אַליין זיך שעמען,
נאָר באַלד זיך ווידער אין געשעפֿט פֿאַרטיפֿן.
די איינציקע וואָס האָט אויף דעם געזיפֿצט
איז בלויז געווען די דינע הויכע וויַיב.
זי פֿלעגט נאָך מאַכן שבת-קודש ווי אַ מאָל
און בענטשן שבת-ליכט און זאָגן תּחינות,
און בענקען נאָך די אַלטע גוטע ציַיטן.
דער שיַין פֿון די געבענטשטע ליכט האָט אָבער
פֿאַרטריַיבן ניט געקענט די פֿרעמדע וואָכיקייט —
דאָס האַרציקע געבעט פֿון אַלטע תּחינות
געפֿאַלן איז פֿאַרשעמט און איבעריק
אין וויַיטע אויערן פֿון פֿרעמדלאַנד-זין
און אָפּגעפֿרעמדטן פֿלייש-און-בלוט,
פֿון שלאַנקע טעכטער מיט אַ פֿרעמדן לשון,
וואָס קוקן ביַי די שבת-ליכט אַריַין
אין אומפֿאַרשטענדלעכע און וויַיטע ספֿרים.

און דאַן האָט שוין דער נאָמען פֿונעם ייִד
געקלונגען הויך און וויַיט איבערן לאַנד:
קענטאַקי, טענעסי, אָהייאָ און אינדיאַנאַ
ביז אילינאָיז-און קענזאַס-שטאַט פֿון איין זיַיט
און פֿון די וויַיטע צפֿונדיקע שטאַטן
פֿון צווייטער זיַיט — די אַלע האָבן שוין

געשיקט אים זייער מיסחר, און געגלייבט
אין יידנס וואָרט און טאַט און פּינקטלעכקייט.
אַ וואָרט זיינס איז געווען אַ וואָרט: באַרעכנט,
ראַיעל און שטרענג צו זיך ווי צו דעם צווייטן.
און דאָס געשעפט האָט זיך צעשפּרייט, צעצווייגט,
און גרעסער איז געוואָרן זיין פאַרנעם
און זיינע מעגלעכקייטן. ס'איז געווען
אַ וווּנדערלעכע אויפגערייצטע שפּיל
אין שווערע טויזנטער און מאַרך און נערוון —
און דזשאָש, דער קאָפּ, דער אויפטוער פון דעם
איז שטיל געשטאַנען פון דעם אַלץ ביים רודער
און האָט געטריבן צום געווּנטשטן ציל.
און פּונקט ווי אַלע שטאַרק ענערגישע נאַטורן,
האָט ער ניט ליב געהאַט זיך אָפּשטעלן און ריידן
פון ווייטער עלנטער פאַרגאַנגענהייט.
און אַז אַ שכן, וואָס האָט אים געדענקט
פון יענע צייטן מיטן שווערן פּאַק,
פלעגט אים אַ מאָל אַ זאָג טאָן: „דזשאָש, ביי גאָט,
איי-איי, אַ שווערער פּאַק געווען דיין פּאַק,
וואָס דו האָסט דאָ געבראַכט אין די מקומות...״ —
פלעגט דזשאָש אים געבן ענטפער מיטן האַלבן מויל,
ביז וואַן דער גוי פלעגט זיך פאַרפלוידערן
און איבערשפּרינגען אויף אַ צווייטן ענין.

געוווינט האָט מען נאָך אַלץ אין אַלטן הויז,
וואָס האָט זיך מיט זיין אַלטקייט אויסגעטיילט
אַקעגן נייעם שרייענדיקן בנין.
די טעכטער זיינען ניט געווען צופרידן —
נאָר ריידן הויך אין אָנגעזיכט פון פאָטער
האָט זיי פאַרפעלט דער מוט. דערפאַר, די מאַמע

איז מיטן אַלטן הויז געווען צופֿרידן.
עס איז איר ליב געווען איעדער ווינקל,
די אַלטע און צעדרייטע קרומע ווענט
און איטלעך ווינקל מיט די אָנגעשטעלטע כּלים.
אַ מאָל פֿלעגט זי דערמאָנען זיך אָן טויטן קינד,
וואָס איז געווען אַ קרבן פֿאַר דעם אַלעם —
און דאַן פֿלעגט זי, אַ גיפּטיקע, פֿאַרביסענע,
מיט גרינע אויגן קוקן אויפֿן הויף,
ווי ס'האָט זיך רויט און פֿעסט און שרײַעוודיק
געהויבן דער פֿירגאָרנדיקער בנין.
און דזשאָש, דער קאָפּ, דער פֿירער און פֿאַרזאָרגער —
ער איז, דאַכט זיך, געווען ווײַט פֿון אַלעם,
נאָר מיט זײַן שאַרפֿן אויג באַנומען אַלצדינג.
פֿאַרטאָן מיט לײַב-און-לעבן אין געשעפֿט,
נאָר מיט זײַן חוש דערטאַפּט און דורכגעפֿילט
די נויט און דעם באַגער פֿון יעדן איינעם.
פֿלעגט צײַטנווײַז אַרײַנוואַרפֿן אַ וואָרט
צו איינעם פֿון די זין, צי פֿון די טעכטער,
פֿון וואָס זיי פֿלעגן ווערן שטאַרק פֿאַרוווּנדערט:
פֿון וואַנען ווייסט דער פֿאָטער גאָר אַזוינס
וואָס מ'האָט גאָר אויף די ליפּן ניט געבראַכט?

די לעצטע צײַט פֿלעגט ער אַרומגיין שטיל,
פֿאַרשווינדן פֿונעם הויף אויף שעהען לאַנג —
און אַז ער קומט צוריק אַהיים בײַ נאַכט,
פֿלעגט שפּילן אויפֿן מויל בײַ אים אַ שמייכל
און אין די גרויע יונגנטלעכע אויגן,
פֿלעגט נאָכקוקן דעם זילבער-גרויען רויך
פֿון דיקן שוואַרצן רויכיקן ציגאַר,
וואָס טוט זיך שפּרייטן איבער יונגע קעפּ

פֿון טעכטער אײַנגעבויגענע איבערן געניי
און זין פֿאַרטיפֿטע אין די ביכלעך —
און שווײַגן פֿלעגט ער היימלעך און פֿילזאָגנדיק.
דאָס האָט ער שטילערהייט געקויפֿט אַ היים,
געווען פֿאַרנומען יעדן טאָג מיטן רעמאָנט:
מען האָט געקאַלכט, געפֿאַרבט, געקלעפּט פּאַפּיר
און ס׳האָט געשמעקט מיט פֿרישע פֿאַרב און פּאַפּ
און סאָסנעברעטער פֿריש און גלאַט פֿון הובל;
ס׳האָבן געקלאַפּט דער האַמער און די זעג
און ס׳האָט דער הובל רוישנדיק געזונגען.
און דורך די פֿענצטער פֿון באַנײַטן הויז
האָט זיך געשטרעקט די גרינע, פֿרישע פֿלאַך
פֿון ברייטע פֿעלדער און פֿון ווײַטן וואַלד;
און אויפֿן סאָסניקן און פֿרישן דיל,
באַגאָסן מיט אַ זוניק־וואַרעם ליכט,
האָבן אין גאָלד און גרין זיך אומגעוויגט
געצאַקטע און געשפּיצטע בלעטער־שאָטנס
פֿון שווערע, דיקע, אַלט און נײַע דעמבעס.
און דזשאָשן פֿלעגט זײַן שווער זיך אָפּצורײַסן
פֿון גרויסן סוד וואָס האָט אים אָנגעפֿילט,
ווי מיט באַרוישנדיקן שטאַרקן ווײַן;
און אָפֿט, באַקוקנדיק די ברייטע פֿלאַך
פֿלעגט קומען אים אין זין דער אַלטער פּסוק:
„דען אויסגעברייטערט האָט אונדז גאָט
און מיר׳ן זיך פֿאַרפֿעסטיקן אין לאַנד״.

מחותנים

דער אַלטער דזשאָש מיטן ציגאַר אין מויל
איז זיך געזעסן שטיל און אײַנגעהאַלטן —
די אויגן שטאַרק פֿאַרזשמורעט פֿונעם רויך,
דער גרויער קאָפּ פֿאַרזונקען אין די פּלייצעס;
געהערט און ניט געהערט דעם אַלטן שכן
מיטן פֿאַרשפּיצטן טרייסלדיקן בערדל
און קליינע שפּיציקע און בלויע אויגן.
דער שכן האָט גערעדט געלאַסן, שטיל,
געבלאָזן קנוילן רויך פֿון שוואַרצער ליולקע,
געפּרוּווט אַרײַנקוקן אין יִדנס אויגן.
נאָר ס'האָט דער יִיד געזשמורעט זיי פֿון רויך
און ס'איז געווען אוממעגלעך פֿאַרן שכן
צו זען און צו פֿאַרשטיין דעם יִדנס מיין,
פֿון וואָס דער שכן האָט זיך שטאַרק געערגערט.
די „אַנקל סעם-באַרד" האָט נערוועז געצוקט
און ס'האָבן זיך די שיטערע און גרויע האָר
פֿון אַלטן קאָפּ געבלאָזן און געפּלאַטערט.
די אַלטע אינעם קלייד פֿון שוואַרצן זײַד
איז שטײַף און גראַד געזעסן אין איר שטול
אין איין און זעלבער פּאָזע, ווי פֿאַרשטאַרט,
מיט מוטנע, לעבלאָזע און שווערע אויגן.
דער לאָמפּ איבערן טיש האָט העל געברענט,
געשפּיגלט זיך מיט קלאָרע דינע פֿײַערלעך
אין גלעזער שטאַרקן טיי, וואָס קיינער האָט
צו מאָל אַפֿילו זיך ניט צוגערירט צו זיי.
און ס'האָט דער טיי פֿאַרשעמט געקילט זיך,
געבלאָזט מיט דינע קרײַזלדיקע רויכלעך.

און ס׳האָט דער וואַנטזייגער געקלאַפּט, געקלאַפּט,
און אָנגעיאָגט אַן אומעט אינעם הויז.
ביז ס׳איז דער שכן פֿון געדולד אַרויס,
און פֿון דעם ווייכן פֿאַרמאַסקירטן טאָן
איז ער אַרויס מיט ביטערניש און גאַל;
דער האַס האָט אים געבלעזלט אין די אויגן
און ס׳ביסל אַלט דין בלוט האָט אָנגעשפּאַרט
צום אַלטן שאַרבן מיט די דינע האָר
און זיך געגאָסן מיט אַ טריבער רויטקייט
פֿון אונטער דער צעקנייטשטער פֿאַרמעטהויט.
אַ פּאַטש געטאָן אין טיש מיט אַלע כּוחות,
אַז ס׳האָט די אַלטע אַזש אַ שפּרונג געטאָן.
דאָס קול איז אים געוואָרן שאַרף און שניידיק
און קוקנדיק דעם יִדן האַרט אין פּנים
געריעדט פֿאַרביסן: „דזשאָש — האָט ער געזאָגט —
אַז ס׳מיידל איז געקומען און געזאָגט
אַז זי האָט זיך פֿאַרהייראַט מיט דיין זון,
האָב איך גאָר גלייבן ניט געקענט די אויערן.
מיין ברודערס טאָכטער און דער יִיד? אַ פֿיינע פּאָר.
ווען ס׳וואָלט מיין ברודער האָוואַרד איצט געלעבט,
וואָלט עס מסתּמא ניט דערצו געקומען.
איך גיי אַרום די לעצטע פּאָר חדשים דול
און שעם מיך אויפֿצוהייבן מיינע אויגן —
דערוויים איך מיר אַז דו ביסט גאָר פּלאַם-פּייער,
אַרויסגעטריבן פֿון געשעפֿט דעם זון,
און גיי האָב טענות. נו, דערלעבט זיך ציטן"...
„און איך האָב גאָר דעם יִחוס ניט געזוכט" —
האָט שטיל און קיל דער יִיד אַריינגעשטעלט.
„אַזוי? — האָט זיך דער שכן אָנגעצונדן —

איך האָב אַפּילו ניט געוואָלט דאָ קומען,
אויף כּבֿוד האָב איך ניט פֿון דיר צו וואַרטן,
נאָר מיר געפֿעלט, ווי דו, דזשאָש, ברעקלסט זיך...
איך וואָלט נאָר, דזשאָש, געוואָלט דערגיין דעם סוד
פֿון דײַן געוואַלדיק גרויסן ייִחוס.
צי שטעקט'ס אין דעם וואָס דײַנע אַלטע אָבֿות,
זיי האָבן נײַנצן הונדערט יאָר צוריק
געקרייציקט דזשיזוסן?"

דער ייִד האָט ניט געענטפֿערט.
ס'איז דער ציגאַר אין האַנט געווען שוין טויט,
האָט מיט דער צווייטער האַנט זיך צוגעדעקט
די מידע אויגן, ווי ער וואָלט געשלאָפֿן;
די אויפֿגערעגטע האַרבע שווערע רייד
זיי האָבן אים געשלאָגן ווי מיט שטיינער
און ס'האָט זײַן גוף געקאַרטשעט זיך פֿון פּײַן —
האָט ער, פֿאַרלוירן און געפּײַניקט, זיך געדריקט
אין טיפֿן גרויסן שטול און שטיל געשוויגן.

דער שכן האָט געוואַרט צו הערן ענטפֿער —
געריבן שוועבעלעך צו אָנצינדן דעם טאַבאַק,
נאָר ס'האָבן זיך די שוועבעלעך געבראָכן.
האָט ער מיט כּעס די ליולקע אָפּגעלייגט.
נאָר, אַז ער האָט דערוואַרטן ניט געקענט זיך
האָט ער גענומען ריידן פֿון דאָס ניי:
„נו, דזשאָש — האָט ער געזאָגט — אַ וועלט, אַ וועלט!
געדענקסט כאָטש, ווי דו ביסט אַהער געקומען?
אַ בעטלער, אַ ציגײַנער, אָפּגעריסן,
וואָס האָט זיך אומגעשלעפּט אויף אַלע וועגן
צעדאַרט, צעקוואַרט, מיט משׂא אויף די פּלייצעם.

איצט ביסטו פּעט געוואָרן, דזשאָש, און גלאַט,
מיט הײַזער און מיט ברײַזער און „מאַזומאַ׳...
(באַקוקט דאָס הויז מיט שטעכעדיקע בליקן,
צעפּירט די הענט און האָגלט פֿון דאָס נײַ)
אַ ביסל זיך פֿאַרפֿונדעוועט, מיט זײַד און סאַמעט,
מיט זילבער און מיט גאָלד, מיט אַלעם גוטן.
אַ האַלבע שטאָט געהערט דאָך שוין צו דיר —
איך וואָלט געזאָגט כאָטש, אַז דו שאַצסט עס אָפּ,
אַז דו ביסט דאַנקבאַר פֿאַר דער גרויסער שפּע —
איז ניין — דו ברעקלסט זיך און שלײַדערסט זיך,
און דיר שטייט נאָך ניט אָן מײַן ברודערס טאָכטער.
ווי שטייט דאָרט אין דײַן אַלטן טעסטאַמענט:
אַז ס׳וועט ישורון פּעט — איז בריקעט ער!״

די אַלטע איז געזעסן דורך דער צײַט,
געזעסן שטײַף און שטיל און ווי פֿאַרשטאַרט,
נאָר פֿון די רויטע אויגן האָט געפֿלאָסן
מיט בלאַסע שטומע שווײַגנדיקע טרערן.
עס האָט געפֿלאָסן אויפֿן בלאַסן פּנים,
אַרומגעקרײַזט די נאָז און טויטע ליפּן,
און פֿון די ליפּן אויף איר האַרץ געפֿאַלן.
און זי האָט דורך דער צײַט זיך ניט באַוועגט,
ניט אָפּגעווישט די רינענדיקע אויגן.
האָט ניט גערעדט, האָט ניט געשלוכצט, זיך ניט באַוועגט —
האָט בלויז באַגאָסן זיך מיט טויטע טרערן.

נאָר אַז דער שכן האָט צום סוף געענדיקט,
האָט דזשאָש אַראָפּגענומען האַנט פֿון פּנים —
(זײַן פּנים איז געווען צעקרימט פֿון ווייטיק

און זײַנע אויגן האָבן בײַז געלויכטן),
זיך אויסגעגלײַכט אין שטול און האָט געזאָגט:
„האָסט אַלץ אַרויסגערעדט וואָס ס׳דריקט דיך, שכן?
ווען דו וואָלסט ניט געווען מײַן שנורס אַן אַנקל,
וואָלט איך פֿון דיר דײַן גראָבקייט ניט פֿאַרנומען —
דאָס האָב איך פֿון איר כּבֿוד וועגן דיך געשווינט.
דו וואַרפֿסט מיר פֿאָר מײַן עלנט פֿון אַמאָל
און האָסט פֿון מיר קיין נחת ניט אויך הײַנט —
מסתּמא איז עס גרוים דיר אין די אויגן.
נאָר אָרעמקייט, מען זאָגט, איז ניט קיין שאַנד,
און אויב אַצינד געהערט אַ האַלבע שטאָט צו מיר,
ווי דו ווילסט האָבן — איז האָב איך אויף דעם
געוויטיקט און געאַרבעט יאָרן־לאַנג.
ניט דאָס אָבער האָב איך געוואָלט דאָ אויסברענגען:
האָסט פֿריִער דאָ פֿאַרבײַגייִיק דערמאָנט
דעם אַלטן חטא פֿון מײַנע עלטער־אָבֿות,
וואָס זיי האָבן דײַן גאָט געקרייציקט — דאָס
איז אפֿשר גאָר געווען די ערשטע סיבה
פֿאַר וואָס כ׳האָב ניט געוואָלט דײַן ברודערס טאָכטער.
קען זײַן, מיט יאָרן שפּעטער, אַז עס וועט
דער פֿלאַם פֿון יונגן בלוט זיך אײַנשטילן —
וועט ער, מײַן זון, דאָס אייגענע דערהערן
פֿון מויל פֿון אייגן ווײַב, זײַן פֿלייש און בלוט,
און דאָס וואָלט זײַן צו ביטער. ווײַטער אָבער
זאָלסט דו זיך וועגן דזשייקאָבן ניט זאָרגן,
ער וועט שוין, דזשייק, אַליין באַשטיין זײַן שטעטל.
אַ גוטע נאַכט דיר, שכן״.

דער טאָג

עך, די ליכטיקע און וואונדערלעכע טעג
פֿון אונדזער רײַכן, גאָלדיק-זאַטן האַרבסט!
ס'איז אייגנטלעך קיין האַרבסט ניט, נאָר אַ זומער,
אַ צווייטער זומער, ליכטיק, גאָלדיק, רויט,
געמישט מיט טיפֿן גרין און בראָנדז און קופּער
און ווערמילאָן און טיפֿן בלוי פֿון הימל.

עס שטייען טעג ווי פֿולע ליכטיקע חלומות
אין אומגעהײַער זעט און וואַרעמקייט און שפֿע;
די ערד האָט זיך צעליינגט און אָפּגעלאָזט פֿאַרצערטלט
אַ מידע פֿון איר זעטיק-שווערן איבערפֿלוס
און שלאָגט פֿון זיך מיט היץ, און שטראָמט פֿון זיך
מיט רײַפֿער פֿולער פֿוילקייט, ווי אַ זאַטע מאַמע
וואָס האָט נאָר וואָס איר קינד געגעבן זייגן —
דאָס קינד איז זאַט, האָט אָפּגענייגט דאָס קעפּל
און ס'טריפֿן נאָך מיט מילך די פֿולע ברוסטן.

עס ווייען פֿולע וואַרעמלעכע ווינטלעך,
עס גייט די קלאָרע שטראָמענדיקע לופֿט
ווי אַלטער קלאָרער שמעקנדיקער ווײַן,
מיט יעדן שטראָם דערקומען נײַע ריחות
און שפּאַרן אָן צו די געהירן און פֿאַרשיכּורן.

נאָר פֿולער פֿונעם טאָג איז דער פֿרימאָרגן —
ווען פֿון דער בלויער ווייכער פֿינצטערניש
שווימט פֿײַערדיק אַרויס די ראָד פֿון זון;

און אַלץ באַקומט אַ ניט־רעאַלן אויסזען
מיט אומבאַקאַנטע לופּטיקע קאָלירן
און מאָדנע, ביז היינט ניט־דערבליקטע פֿאָרמען.

צו ערשט שווימען אַרויס די גרויעביימער —
און פּלוצעם ווערן זייערע קעפּ פֿאַרפּלאַמט,
און ס׳גליטשט דער פּלאַם אַראָפּ זיך נידעריק
און ס׳ברענט אַ בוים — קאָלירן־קאַרנאַוואַל —
מיט זיינע רויטע צונטערדיקע בלעטער,
מיט זיינע געלע בלעטער, מיט די זאַפּטיקע
נאָך טיפּע גרינע בלעטער, אַלץ באַהויכט
מיט זילבער־גרויען הויך פֿון טוי פֿון נאַכט.
דער טוי צערינט, צעפּליסט, ווערט אויסגעוועפּט —
און ס׳ברענט דער בוים פּילפּאַרביק, ריין און קלאָר.

דערנאָך קומט צו דאָס ליכט צום בלויען גרונט —
און, גרויסער גאָט, וואָס פֿאַר אַ וווּנדער פֿאַרן אויג:
געוויקלטע קעפּ קרויט פֿאַרפּלאָכטן האַרט
און זאַפּטיק־פּריש און שווער און שטייף און פייכט.
און לאַנגע שוואַרצלעך־גרינע קאַווענעס
מיט געלע לאַנגע פּלעקן אויף די בייכער,
פֿאַרוויקלטע אין נעצן געלע בלעטער.
און אומגעהייער שווערע פּאָמידאָרן,
וואָס האָבן זייער פּלאַנץ אַראָפּגעצויגן
און בייגן זיך אַרונטער צו דער ערד
און שפּאַלטן זיך פֿון איבערפּלוס און זאַפּט.
און אומעטום די שפּע פֿון די טרויבן,
וואָס שיטן זיך אַראָפּ פֿון אַלע פּלויטן

אין שווערע איבערפֿליסיקע גערדיכטע הענגלעך,
באַהויכט מיט גרויען טוי, מאַסיוו און שווער.
עס דראַפּען זיך די פֿיבערן פֿון ווײַן
און קריכן איבעראַל און פֿילן אָן די לופֿט
מיט זייער טערפּקן, זיסן, הייסן ריח.
און פֿייגל, פֿייגל, פֿייגל אומעטום
מיט רויטע ברוסטן און מיט בלויע פֿליגל,
מיט רויטע פּיסלעך און מיט שוואַרצע פּיסלעך —
און איטלעך זינגט אַן אַנדערן געזאַנג
און פּלוידערט און פֿאַרגייט זיך אויף זײַן שטייגער.
אַ מענטש קען אָפּלעבן זײַן וועלט — פֿאַרנומען,
פֿאַרטראָגן און פֿאַרשלעפּט פֿון זײַנע דאגות,
מיט זײַנע טעגלעכע פֿאַרשקלאַפּטע אַרבעטן —
און קיין מאָל גאָר די וווּנדער ניט באַמערקן.
נאָר ס'טרעפֿט אַ מאָל, דער זעלבער מענטש דערזעט
דאָס אַלץ פֿון נײַעם ווינקל — דאָס געוויינלעכע
ווערט פּלוצעם נײַ און פֿריש און אומגעוויינלעך —
אַן אומבאַקאַנטע וועלט. דאָס אויג ווערט לויטער,
עס זעט אַזוינס וואָס עס האָט פֿריִער ניט געזען —
און ס'ווערט דער מענטש פֿאַרגאַפֿט, באַרוישט, דערציטערט.

אין יענעם טאָג האָט אויך דער אַלטער דזשאָש
אַ שפּראָץ אויף טאָג זיך אויפֿגעהויבן, ווי זײַן שטייגער,
געמורמלט אויף דער אַלטער שוואַרצער דינסט,
למאי דער פֿרישטיק האָט קיין טעם און ריח,
פּונקט ווי געוויינלעך. האָט פֿאַררייכט זײַן ליולקע
און האָט זיך שטיל אַרויסגעשלײַכט אין גאָרטן.
זײַן אַלט געביין האָט זיך געדרייט אין דרײַען,

מיט אָנשטרענגונג אַראָפּגעקרעכצט די טרעפּ,
האָט אָפּגעכאַפּט מיט שווערקייט דעם אָטעם,
אַראָפּגעזעצט זיך אין דעם אַלטן ווינקשטול,
האָט אויפגעהויבן די פֿאַרגלאָצטע אויגן —
און פּלוצעם איז געשען מיט אים דער וווּנדער.

עס איז געווען ווי ס׳וואָלט אַ דיקע הויט
זיך אָפּגעשיילט פֿון אַלטנס אויגן, און זײַן בליק
איז קלאָר און שאַרף און ליכטיק-העל געוואָרן;
און זײַנע אויערן וואָס זײַנען שווער געווען,
זיי האָבן פּלוצעם אָנגעהויבן לעבן,
געציטערט און וויברירט אין דינער לופֿט.
אָט גייט דער ריח פֿון געבענטשטן ווײַן,
אָט פֿליסט די לופֿט פֿון קילע ווינטער-עפּל,
אָט יאָגט אים נאָך די זיסע, קילע מענטע;
עס ווייט דער ביטערלעכער שאַרפֿער ריח
פֿון צוגעטריקנטן פֿאַרגעלבטן טאַבאַק.

דעם אַלטנס נאָזפֿליגל האָבן געצוקט
און גיריק נאָכגעשפּירט די שטראָמען לופֿט.
די אויגן האָבן זעעריש אַרײַנגעזאַפּט
דעם גרויסן שטח פֿון אַרום — איז אַלץ
געשטאַנען אָפֿן, ברייט און ווײַט און אָפּגעדעקט,
מיט איטלעך שטיינדל, גרעזל, קוסט און בלום,
מיט איטלעך פֿרענדזל פֿון די נאָנטע פֿאַרהאַנגען
אויף ראָזע פֿענצטער. ס׳איז וווּנדערלעך געווען,
ווי ס׳האָט קאָליר זיך אויסגעמישט מיט קלאַנג
אין איין האַרמאָנישן און קלאָרן אויסגאָס.

דעם אַלטן איז געוואָרן גוט. האָט ניט געטראַכט,
האָט בלויז געפּילט אוממיטלבאַר, ספּאָנטאַן,
און ס׳האַרץ האָט פּיבעריש און שנעל געקלאַפּט
ווי בײַ פֿאַרליבטער יוגנט, האָט זיך אָפּגעלאָזט
און אָפּגעגעבן זיך אין גאַנצן צום געפּיל;
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום סאַמע גרונט
פֿון דעם געפּיל, און האָט דערשפּירט דאָס גליק
און לײַדנשאַפֿטלעך גרויסן צער פֿון אויפֿלייזונג —
און גליקזעליק פֿאַרמאַכט די מידע אויגן.

פֿון איצט — איז דאָס ממשותדיקע לעבן
געוואָרן ניט־רעאַל און פֿרעמד, ניט־נייטיק.
דער שוואַרצער האָט אים שטיל געוועקט פֿון שלאָף,
אַז די מאַשין שטייט גרייט אין פּלאַץ צו פֿאָרן —
האָט ער אים אָפּגעטריבן מיט דער האַנט
און ווידער באַלד זיך אָפּגעגעבן צום געפּיל.
... דאָרט ערגעץ אין דער טומלדיקער שטאָט
איז דאָ דאָס הויז וואָס ער האָט אויפֿגעבויט
און סחורה, קונדן, וועקסלען, געלט... צו וואָס?
ער האָט אַזש אויפֿגעדריקט די אַלטע פּלייצעס.
און דאָ איז גוט — און פֿאַר די אַלטע אויגן
האָט בלענדנדיק געשײַנט אַ גרויסע זון.
ער האָט געזען פֿאַר זיך באַקאַנטע פּנימער,
נאָר ווײַטע, פֿרעמדע, ווי פֿון ווײַטע וועלטן;
געשפּירט, ער ווערט געטראָגן אין דער לופֿט,
ווי איבער טיפֿע, ווײַטע אָפּגרונטן;
ווי דורך אַ וואַנט זײַנען צו אים דערגאַנגען
באַקאַנטע, אָבער דאָך פֿאַרפֿרעמדטע שטימען.

די צײַט האָט זיך געשטעלט. ס'איז ראָז געווען —
אַ טיפֿער חלל מיט אַ גרויסן דיסק
פֿון אַ פֿאַנטאַסטיש גרויסער רויטער זון.
און אין דעם גרויסן רויטן דיסק איז עמעץ
געגאַנגען מיט אַ פּאַק אויף זײַנע פּלייצעס —
געגאַנגען און געגאַנגען און געגאַנגען.
האָט ער זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כּוחות,
האָט ער זיך ברייט און גליקזעליק צעשמייכלט
און אַזש אַ מאַך געטאָן די געלע האַנט.
די ראָזקייט איז געשטאַנען — און אין קאָפּ
געשווומען זײַנען זעונגען און בילדער
און אָנגענומען ווונדערלעכע פֿאָרמען.
עס האָבן זיך געפּלאָנטערט שטיקלעך תּהילים
און אָפּגעריסענע געדאַנקען און געפֿילן
אָן אָנהייב און אָן סוף — און ס'איז ניט אָפּגעשטאַנען
אַ קינדערלידל וואָס די קליינע קינדער זינגען,
וואָס האָט זיך אומבאַוווּסטזיניק פֿאַרקריצט
אין אַלטנס מוח מיטן וואָרט און ניגון:
„פֿאַרוויג מיך צום שלאָף אין מײַן אַלט קענטאָקי־היים
און דעק מיך צו מיט דיקסים בלויען הימל"...

1922

ירושה

ירושה

איבער מיר האָבן דורות געוויינט:
„...מײַן קינד, דו זאָלסט בלײַבן אַ ייִד.
זאָל דײַן טאַטנס ירושה און לייד
אין דײַן הארצן טיף ווערן געהיט.

כ׳בין מיט גאָלד ניט געוואָרן באַשטראָפּט,
נאָר מיט גײַסט האָט באַשאָנקען מיך גאָט;
איך טראָג דורות און דורות אין זיך —
ער פֿאַרמײַדט ניט פֿון אונדז זײַן גענאָד.

איך בין מיד, איך בין אַלט, דו ביסט יונג —
גיי פֿאָרויס, גאָט באַשירעמט מײַן קינד;
און דײַן זעל זאָל געלײַטערט אַרויס
דורך נסיונות פֿון לעבן און זינד.

ניט פֿאַרגעס אונדזער גאַנג איבער וועלט —
זײַ אַ ייִד״... ער האָט מער ניט גערעדט;
נאָר זײַן בליק האָט געלויכטן, געגליט,
מיט בטחון און שטילן געבעט.

ס׳האָט אין שול דער נר־תּמיד געברענט
מיט זײַן ציטערדיק־טרויעריק ליכט —
כ׳האָב מיט ייִראה און אַנגסט זיך געבויגן,
אין פּרוכת פֿאַרהילט מײַן געזיכט.

עלעגיש

...און איצט ווען ס׳נעמט מײַן טאָג זיך צונעם אָוונט נייגן,
גייט איבער ס׳האַרץ מיט בענקעניש אין שטילער שעה
נאָך דעם וואָס איז געוועזן און איז שוין מער ניטאָ,
נאָך ווײַטער קינדהייט וואָס איז לאַנג פֿאַרפֿלויגן;
נאָך יענע זעונגען פֿון ריינסטן גאָלד געשפּונען,
וואָס האָבן אויפֿגעשײַנט, געשפּילט ווי פּערזן פֿון אַ ליד
אין צאַרטן ציטער; אויפֿגעבליט און אָפּגעבליט
און ווי די פֿאַרבן פֿון אַ זונפֿאַרגאַנג צערונען.

עס לעבט, געדײַט דער ערשטער כּישוף אין זכּרון,
דער ערשטער רוף פֿון לעבן, ערשטער ציטערקלאַנג;
ס׳האָט אַלץ זײַן ריח און קאָליר און זײַן געזאַנג,
ס׳גייט קיין זאַך ניט אין גאַנג פֿון צײַט פֿאַרלאָרן:
פֿאַראַן אַ שעה ווען אַלץ טויכט אויף און קומט צום לעבן —
די וועלט ווערט ווידער יונג, עס טוט דיך אַ פֿאַרפֿלייץ
מיט בילד, מיט זעונג און מיט קלאַנג, מיט ערשטן רייץ,
און טוט מיט טרייסט און רחמים דיך פֿאַרוועבן.

ווען כ׳שעם זיך ניט — וואָלט איך זיך צו דער מוזע ווענדן:
אָ, מוזע טרײַע, ס׳ליגט מײַן אַלטע וועלט צעשטערט;
ווי נעמט מען כּוחות און ווי נעמט מען מוט, אַז ערד
און הימל האָבן זיך פֿאַרלייגט אונדז צו פֿאַרלענדן?
אָ, מוזע יידישע פֿון איכה און פֿון תּהילים,
מיט ווערטער — פֿײַערן געצונדן שוואַרץ אויף ווײַס,
מיט וויזיעס — בליצן אײַנגעשמידט אין אײַז,
און מיט צעבראָכן האַרץ וואָס לאָזט זיך קיין מאָל שטילן.

ביסט מיטגעגאַנגען אין דעם לאַנגן וועג פֿון וואָגל,
געקלעמט מיט אונדזער קלעם, געברענט אין אונדזער בראַנד;
אַרויסגעשלוכצט אונדזער געוויין פֿון לאַנד צו לאַנד,
געטראָגן טרייסט און טרערן אין די פֿולע לאָגל.
איז דאָ אַ לאַנד ווו דו האָסט ניט מיט אונדז געטראָטן?
איז דאָ אַן אָרט ווו דו האָסט ניט מיט אונדז געברענט?
נאָר אומעטום האָבן געטריפֿט מיט טרייסט די הענט,
און אומעטום געבראַכט אונדז שוץ און שאָטן.

דו ביסט אַ מאָל־אַ מאָל פֿאַרביי מיר דורכגעגאַנגען,
דערזען מיך אַ צעטראָטענעם אין אייגן בלוט —
האָסט דו געזאָגט: לעב אין דײַן בלוט! לעב אין דײַן בלוט!
און ס׳האָלט דײַן שפּרוך זינט דעמאָלט מיך געפֿאַנגען.
אָ, וווּנדערלעכע, סאַראַ ברכה האָסטו מיר געגעבן —
איך וואַלגער זיך אין בלוט, עס גרייכט שוין ביז צום האַלדז,
עס ברענט די ערד, דער הימל פֿלאַמט, דאָך לעב איך אַלץ —
פֿון אַש און חורבן שטיי איך אויף צום לעבן!

קַיִן

זאָל מיך דער האַר פֿון אַלע וועלטן
ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד —
נאָר לויט דער מעשׂה פֿונעם ערשטן מאָרד,
ווי ס׳ווערט דערציילט אין שריפֿט,
איז ער, דער האַר, ניט גאָר גערעכט.

ס׳איז ער, וואָס האָט די שׂינאה־קינאה
צווישן די צוויי ברידער נאָך פֿאַרטיפֿט,
וואָס האָט דערנאָך געפֿירט צום מאָרד.
און טאַקע, לאָמיר נאָך אַ מאָל
דאָס בוך פֿון ביכער עפֿענען
און זען וואָס שטייט געשריבן דאָרט:

די ברידער האָבן אים געבראַכט מתּנות —
ס׳ברענגט קַיִן אים די ערשטע פֿרוכטן פֿון דער ערד,
און הבֿל — זײַנע פֿעטע שטיקער שאָף;
האָט ער, דער בורא, אָנגענומען הבֿלס גאָב,
פֿון קַינען און פֿון זײַן גאָב —
האָט ער זיך אָפּגעקערט.

פֿאַר וואָס? איז ניט געזאָגט דאָרט, ניט דערקלערט.
און ווי מיר וויסן און באַנעמען
איז דאָך די אַרבעט פֿון דעם ערשטן זייער
פֿיל שווערער פֿונעם פֿיטערער פֿון שאָף —
האָט אויפֿברעכן באַדאַרפֿט די בראשיתדיקע ערד
און צוגרייטן דעם גרונט פֿאַר זריעה;

געגראָבן זיך אין רויערד מיט די פֿינגער,
געראַנגלט זיך מיט סקאַלעס און מיט דערנער,
געברענט אין היץ, געפֿרירט אין קעלט און רעגן —
ביז וואַקסן, בליִען און געדייַען
האָבן די פֿרוכטן פֿון דער ערד געגומען.

צום סוף, ווען ער קומט אויסדריקן זייַן דאַנק
און ברענגט צום האַר זייַן שווער-פֿאַרהאָרעוועטע גאָב —
האָט ער פֿון אים און פֿון זייַן גאָב זיך אָפּגעקערט.
— פֿאַר וואָס?

יוסף און זײַן האַרינטע

לויטן מדרש

„קום ליג מיט מיר!"
אַזעלכע אָפֿענע און אומפֿאַרשעמטע ווערטער
פֿון מויל פֿון דער עגיפּטישער גראַנדדאַמע —
צעברענט, פֿאַרצערט פֿון אירע הייסע בלוטן,
מיט לעכצנדיקע הענט און פֿיס און ברוסטן,
מיט קערפּער אָפֿענעם, גייט אויס פֿון תּאווה:
„קום ליג מיט מיר!"
אַזוי איז זי אים נאָכגעגאַנגען טאָג נאָך טאָג
דעם פֿרעמדן שלאַנקן שקלאַפֿן־יינגל.
נאָר ער האָט זיך צו אירע רייד ניט צוגעהערט —
פֿאַרקערט,
מיט רייד מיט ניכטערע פֿון איר זיך אָפּגעווערט:
וואָס הייסט? ער קען אַזוינס זײַן האַר ניט אָפּטאָן,
זײַן האַר איז גוט צו אים, אים אָנפֿאַרטרויט
זײַן גאַנצע האָב־און־גוטס, אַחוץ זײַן ווײַב —
און ווי קען ער די גרויסע זינד באַגיין?
זי אָבער האַלט זיך בײַ דאָס איריקע און ברענט:
„קום ליג מיט מיר!"
און זאָגן מוז מען: ס'איז דער בחור שיין —
די האָר געלאָקט, די אויגן גלײַען,
אין זיך פֿאַרטיפֿטע אויגן פֿון דעם טרוימער,
מיט פֿײַן־געפֿורעמטע געטאָקטע גלידער
און דורכגעלויכטן מיט זײַן מאַמע רחלס חן.
אַנומלט האָט זי אירע חבֿרטעס פֿאַרבעטן,
אַלץ פֿרויען פֿונעם העכסטן ראַנג אין לאַנד,

פֿאַרגרייט זיי כּיבוד: שאָלן אַפּעלסינעו
מיט שאַרפֿע מעסערלעך די פֿרוכט צו שיילן,
און יוספֿן געשטעלט זיי צו באַדינען —
האָט יעדע איינע זיך אויף אים פֿאַרקוקט
און אָפּרײַסן פֿון אים די אויגן ניט געקענט,
און ניט געזען און ניט געשפּירט אַפֿילו
אַז זיי האָבן ביז בלוט צעשניטן זיך די הענט.
האָט זי געטראַכט: איין קורצע שעה אים אָנגעקוקט
און זע נאָר, וואָס מיט זיי איז דאָ געשען —
הײַנט ווי מיט מיר, וואָס האָב אים תּמיד פֿאַר די אויגן?
און ער האָט אַלץ זי אויסגעמיטן —
ביז איין מאָל, ווען ס'איז קיינער ניט געווען אין הויז
פֿאַר ווענען זיך צו היטן,
האָט זי אים אָנגעכאַפּט, אַרומגעכאַפּט
פֿאַרשטשעמעט אירע פֿינגער אין זײַן קלייד,
זיך צוגעדריקט צו אים מיט אַלע כּוחות:
„קום ליג מיט מיר!"
נאָר ער האָט זיך פֿון קלייד אַרויסגעפּלאָנטערט,
איז אויסגערונען פֿון די הענט איר און אַנטלאָפֿן —
און זי איז שטיין געבליבן מיטן קלייד
פֿאַרדריקט אין ביידע הענט. צו זיך געקומען —
האָט זי פֿאַר כּעס און ווייטיק און באַליידיקונג
גענומען שרײַען אויפֿן הויכן קול,
אַז ס'איז דאָס גאַנצע הויז צונויפֿגעלאָפֿן.
„זעט נאָר — האָט זי געשווימט — ער האָט געבראַכט אַהער
אַ מאַן פֿון עבֿרים-לאַנד, אונדז אויסצושטעלן
אויף שאַנד און שפּאָט; ס'האָט אים פֿאַרגלוסט זיך גאָר
מיט מיר צו ליגן. אַז איך האָב גענומען שרײַען —
איז ער אַנטלאָפֿן, איבערגעלאָזט ס'קלייד".

אַז ס'איז דער מאַן אַהיים געקומען שפּעטער
און אויסגעהערט די טענות פֿון זײַן ווײַב —
האָט גרימיק זיך צעברענט אין אים זײַן צאָרן
און האָט דעם שקלאַף זײַנעם פֿאַרזעצט אין תּפֿיסה.
ס'איז אײַנגעטלעך גאָר שווער אונדז צו באַנעמען,
למאַי זײַן האַר האָט אים, זײַן יונגן שקלאַף, געלאָזט
אַזוי לײַכט אָפּקומען. דער חומש גיט ניט אָן
קיין מאָטיווירונג פֿאַר זײַן מילדער האַנדלונג.
קען זײַן, ער האָט ניט זייער שטאַרק געגלייבט
אין אירע רייד, געווען אויף איר אַ מבֿין,
האָט ער געטראַכט: ניט מעגלעך, אַז דער ייִנגל
זאָל וואַגן טאָן אַזוינס; אויך קען געמאָלט זײַן,
אַז יוספֿס אויגן האָבן אים דערציילט דעם אמת
וואָס ער האָט ניט געוואַגט אַרויסצוזאָגן —
דערצו, קען זײַן, האָט ער פֿאַרמאָגט אַ שטיקל יושר
און האָט געלאָזט אים אָפּקומען מיט תּפֿיסה.
אויף דער געשיכטע אויף דער דאָזיקער — האָט איין מאָל
אַ גראַנדדאַמע, אַ רוימישע מאַטראָנע,
מיט אונדזערן אַ תּנא אַ דיספּוט פֿאַרפֿירט:
זי גלייבט ניט, זאָגט זי, אין דער מעשׂה פֿונעם חומש,
דער חומש האָט דאָ עפּעס אויסבאַהאַלטן;
ווי לאָזט זיך שיקן גאָר אַזאַ מין מעשׂה?
אַ יונגער מאַן, אין היץ פֿון זײַנע בלוטן,
זאָל קענען בײַשטיין גאָר אַזאַ נסיון?
אויף דעם האָט איר דער תּנא אָפּגעענטפֿערט:
דער חומש — זאָגט ער איר — איז דורכויס אָפֿן,
האָט קיין מאָל ניט געזוכט אַ זינד פֿאַרדעקן.
אָט איז ראובן, בכור פֿון אַלע שבֿטים,

געלעגן מיט זײַן טאַטנס קעפּסווײַב בלהה,
און יעקבֿ האָט געװוּסט דערפֿון; אָט איז יהודה,
דער יונגער לײב און גיבור פֿון די שבֿטים,
געגאַנגען און געלעגן מיט זײַן שנור, מיט תּמרן,
און ס'האָט דער חומש אַלץ דאָס ניט באַהאַלטן —
און די זײַנען געװען שױן רײַף אין יאָרן
און אין רשות פֿון זײער פֿאָטער יעקבֿ;
און דער — אַ יִינגל נאָך אין פֿרעמדן לאַנד,
נאָך װאָס זאָל דאַרפֿן גאָר דער חומש װאָס באַהאַלטן? —
און ס'זײַנען שטום געװאָרן אירע טענות.

די קליינע אבישג

דעם אלטן מלך איז קאלט, ער איז אלט און קאלט
און פיל מ׳זאל אים ניט איינדעקן — אים איז קאלט.
ליגט ער איינגעדרייט, צונויפגעדרייט, פארשוואכט,
און ס׳נעמט ניט קיין שלאף אים דורך דער קאלטער נאכט.
האט מען געפאלגט די עצה פון די יודעי־חן...
דאס שענסטע מיידל פון לאנד אים געבראכט —
אט, זי וועט ליגן אין זיין שויס, וועט אים ווארעם זיין.
און ווי ס׳איז ווייל באוווסט — איז ער מיט יארן צוריק
געווען דער גרויסער מבין, זאל אים צו גנאי ניט זיין,
אויף ווייבערשער שיינקייט און ווייבעריש גליק.
און דא ברענגט מען די קליינע אבישג ארייַן:
א סארנע א יונגע פון בערג, מיט צעשראקענעם בליק
באצויגן ווי מיט טוי, האלב־קינד, האלב־פרוי —
א בלום פארן אויפבלי, פארשלאסן־פארמאכט.
איז ווארט שוין דער מלך ס׳זאל צופאלן נאכט,
זי זאל ליגן אין זיין שויס. ס׳ווערט אים גוט —
אזא ווארעם און צאפלדיק און ליכטיק בלוט!
אפריער, ווען ער איז געלעגן צונויפגעדרייט
אליין און קליין, ס׳הארץ פארקלעמט אין זיין לייד —
האבן געפלאנטערט אין קאפ זיך שווערע געדאנקען,
חרטה אויף מעשים וואס ער איז באגאנגען,
ווי א מעשׂה דארט, זאל ניט דאס אויסגערעדט זיין,
מיטן רייכן און ארעמען און זיין איינציקע שאף,
מיטן צעפלויגענעם נביא און זיין ווארט פון שטראף.
א מאל זיך דערמאנט אן פסוקים פון תהילים,
וואס האבן געטליעט אין זכרון אין שוואכן —

געחידושט זיך בלויז: ווי האָט ער געהאַט צײַט
אַזוי פֿיל מזמור־לדודס צו מאַכן?
אַז בסך־הכּל איז ער תּמיד געווען געיאָגט,
גערודפֿט, געפּלאָגט, ווי גענעכטיקט ניט געטאָגט,
פֿון פֿרעמדע, אַזוי גוט ווי פֿון אייגענע שׂונאים,
ס׳האָבן געזוכט זײַן לעבן זײַנע אייגענע בנים.
אָבער איצט — וואָס אים תּהילים, ווען אים תּהילים?
דער אַלטער לעבט ווידער דורך יונגע געפֿילן —
ס׳איז ווארעמער טאַקע! וואָס זינגער, ווער זינגער?
פֿאַרגעסט זיך אָן אַלץ, וויל פֿון קיין זאַך ניט טראַכטן,
ס׳ריזלען נײַע שטראָמען אין גוף אין פֿאַרשוואַכטן
און ס׳ווערן בייגיק די פֿאַרקראַמפּטע פֿינגער.
איר יונגער גוף אָן אַ פֿידל דערמאָנט אים,
ווי אַ מאָל, ווען ער האָט אויף דעם געשפּילט —
כאַטש נעם און שפּיל אוים אויף דעם אַ ליד.
די פֿינגער פּרעסן זיך אין יונגן לײַב,
זיי גלעטן און צערטלען איר יעדן גליד —
און זי, די סאַרנע פֿון בערג, ליגט פֿאַרשטילט,
האָט מורא אַ ריר זיך צו טאָן. ס׳געשעט,
זי דערשפּירט אויף איר האַלדז זײַנס אַ טרער —
נעמט אַ רחמנות זי אָן אויפֿן אַלטן
און זי ענטפֿערט אים אָפּ מיט אַ שטילן גלעט.

דער מענטש שאול

„באַהאַלטן זיך צווישן די כּלים״ —
די כּלים זײַנען מן־הסתּם
דער ווײַטער עבֿר, די געשעענישן
פֿון לאַנגע דורות — אַ פֿולער ים.

דער ים — אַט ליגט ער שטיל און רויִק
און וויגט זיך בלוי צום ליכט אַנטבלויזט;
און אַט צעשטורעמט ער זיך גרויליק,
פֿאַרשפּיצט, פֿאַרפֿינצטערט און צעברויזט.

אַ קנײטש — אַ דוכטעניש פֿון טאַטעס,
פֿון מאַמעס — אָפּשפּריצן פֿון ליד
מיט וועלכס זיי האָבן אים אין קינדהייט
צום שלאָף פֿאַרוויגט, ווען אײַנגעמידט.

ליגט ער באַהאַלטן צווישן כּלים
און זעט געווים זײַן צוקונפֿט אויך:
דער וועג זײַנער איז דאָרניק־שטעכיק
און פֿירט צום שלונד פֿון בראַנד און רויך.

ער קען זיך אָבער ניט באַהאַלטן
פֿון דעם וואָס ליגט פֿאַר אים פֿאַרגרייט:
מען זוכט, מען נישטערט, מען געפֿינט אים —
ער טרייסלט אָפּ זיך און ער גייט.

אוריה דער חתי

ער האָט געטראָגן זײַן גזר־דין אין האַנט —
די שריפֿט פֿאַרחתמעט מיטן מלכס זיגל,
אַליין געבראַכט צו טראָגן זײַן גזר־דין.
דער קאָמאַנדיר האָט אויפֿגעריסן און געלייענט —
האָט ניט באַנוגנט זיך מיט איין מאָל לייענען,
האָט איין מאָל און האָט נאָך אַ מאָל געלייענט,
זיך אײַנגעגראָבן מיט די אויגן אין די שורות,
ווי ער וואָלט זײַנע אויגן ניט געגלייבט.
ס'איז אָבער קלאָר, וואָס קלערער קען ניט זײַן:
„נעם, שטעל אַוועק דעם מאַן אין שאַרפֿסטן קאַמף —
און איר ציט זיך צוריק פֿון הינטער אים,
געשלאָגן זאָל ער ווערן דאָרט און שטאַרבן".
דער קאָמאַנדיר האָט שטיל צונויפֿגעלייגט די שריפֿט,
האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויפֿן זעלנער,
פֿון אויבן ביז אַראָפּ אים אָפּגעמאָסטן.
און דער — שטייט שטײַף און גראָד און אויסגעצויגן
און וואַגט ניט זיך אַ ריר צו טאָן; די אויגן —
אַזעלכע מילדע, אָפֿענע, געטרײַע,
דער גרויסער גוף ווי אויסגעהאַקט פֿון שטיין —
אים ווידער אָנגעקוקט, געזאָגט: קענסט גיין.
דערנאָך, אַן ווערטער זיך געפֿרעגט: פֿאַר וואָס?
פֿאַר וועלכע זינד? און דאָ איז אויפֿגעקומען
אין זײַן געדעכעניש: ס'איז דער מאַן פֿון יענער פֿרוי
וואָס האָט זיך אויפֿן דאַך פֿון הויז געבאָדן
און איז דערנאָך געקומען אויפֿן מלכס רוף.
אַ שמייכל ביטער האָט פֿאַרקראַמפּט זײַן מויל:
דאָס גייט דער מאַן באַצאָלן מיט זײַן קאָפּ
פֿאַר איר, זײַן ווײַבס, שיין לײַב...

ר׳ נחמן בראַצלאַווער אין איסטאַמבול אויפֿן וועג קיין ארץ־ישׂראל

די אַקרענטן פֿון וועלטס אַלע ימען
האָבן אַנגעבראַכט סחורה אין האַפֿן:
באַלן סאַמעט און זײַדנס, וואַס פֿלאַמען,
פּאַפּוגײַען און אַפֿן און שקלאַפֿן.

שמעקט מיט אויסטערליש־ווײַטע מדינות
אינעם ווילדן געדראַנג און געליאַרעם;
און האַלב־נאַקעטע שלאַנקע שקלאַפֿיניעס
ליציטירט ווערן דאָ פֿאַרן האַרעם.

און דער ים ליגט צעבליצט, אַ בלוי־גרינער
און די זון איבער ים איז צעפֿלאַקערט;
און ר׳ נחמן — אַ הויכער, אַ דינער,
לויפֿט אין האַפֿן אום באָרוועס, האַלב־נאַקעט.

ער האָט ערגעץ זײַן היטל פֿאַרלאָרן —
באָרד־און־פּאות צעשויבערט, צעפֿלויגן;
און דאָס העמד איז צעפֿליקט און צעפֿאָרן,
מיט אַ שטריק אויף די לענדן פֿאַרצויגן.

ס׳האָט אַ יונג מיט אַ שטיין אים געטראָפֿן —
רינט אַ ריטשקעלע בלוט פֿון זײַן שטערן;
און די ליכטיקע אויגן ווײַט אָפֿן
אין געלײַטערטן צער און דורך טרערן.

נאָר די חדווה שטײַגט איבער זײַן ווייטיק
און עס עפֿענען זיך אַלע קוואַלן;
ס׳לײַכט זײַן בליק אַזוי האָפֿערדיק־פֿריידיק
און עס טוט ווי דער ים זיך צעכוואַליען.

און עס זינגען געזאַנג זײַנע גלידער,
און די פֿיס — ניט זיי גייען, זיי שוועבן;
און דאָס האַרץ פֿון דער וועלט לעכצט אין ציטער
נאָכן אייביקן קוואַל וואָס גיט לעבן.

„אכטי יה רבון עלם ועלמיא!"
צווישן טרפֿהנע קולות און קלאַנגען —
ווי אַ מאָל איז גאָטס קנעכט ישעיה
נאַקעט און באָרוועס געגאַנגען.

פּופּציק ספרי־תּורה

אויף דער שטויביקער פּאָליצע פון ביבליאָטעק
ליגן פּופּציק ספרי־תּורה פאַרוויקלט אין זעק.

פּופּציק פּליטים פון דאַנציג, וואָס אויף יענער זײַט ים —
אַנטלאָפן מיטן לעבן פון רציחה און פּלאָם.

כּל־המינים ספרי־תּורה, פון פאַרשיידענער גרויס,
פון רײַכן בית־מדרש און פון אָרעמער קלויז,

פון די יוסטע בעלי־בתּים און לומדים פון שול,
און די מענטשן פון נאָדל און זעג און קאָפּול.

פּופּציק ספרי־תּורה פאַרוויקלט אין זעק —
אַנטלאָפן פון פײַער און רוצחישע העק,

ליגן אויף דער גרויער פּאָליצע פאַרשעמט
אין שטויביקן שאָטן פון באַלקן און ווענט.

און אַ מאָל האָבן לאָמפּן איבער זיי געבליצט
און מיט שׂימחה האָט פון אַלע זײַטן געשפּריצט.

ס'האָט געקלונגען דער כּתר מיט גאָלדיקן קלאַנג,
מיט אַ פליעסקען פון הענט און אַ פריידיק געזאַנג.

און די מענטשלעך, סאַמעט מיט בלאַט און קווייט,
מיט לייבן און הירשן אין זײַד אויסגענייט.

און געפּלאַטערט, געציטערט איבער זיי האָבן בערד —
תּן כּבֿוד לתּורה! — געאַכפּערט, געערט!

פּופּציק ספרי־תּורה. אַנשטאָט סאַמעט — זעק.
אָפּגעריסענע פּליטים אויף אַמעריקעס ברעג.

און די אַלטע שכינה הויערט איבער זיי,
הויערט איבער זיי אין אַ שטום געשריי.

די וואַנט

דאָס זײַנען זיי — וואָס האָבן אײַנגעגבערענט
די נומערן מיט ציפֿער אויף די הענט.
כ׳האָב נעכטן אויפֿן ים־ברעג פֿון ניו־יאָרק
זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ יונגנמאַן
אויף וועמעס אָרעם ס׳איז דער צייכן אײַנגעברענט.
און הײַנט — כ׳האָב בילדער הײַנט געזען אויפֿן עקראַן:
אָן אַלטע פֿרוי וואָס שטייט און וויינט
בעת זי קוקט אויף יענע בלאָקן שטיין,
וואָס האַלטן דאָ איר שטאָט אויף העלפֿט צעטיילט.
געוויס האָט זי דאָרט קינדער אין דער אַנדער העלפֿט —
אַ זון, אַ טאָכטער, און זי בענקט נאָך זיי;
און יונגע פֿרויען — שמייכלענדיקע, שיינע,
און מענער מיטל־יעריקע און קינדער קליינע,
און ס׳דוכט זיך — מענטשן, פּונקט ווי אַלע מענטשן.
נאָר דאָ קומט־אויף דער אײַנגעפּרייגטער אָרעם —
קען זײַן דאָך, אַז דער זון פֿון ווײנענדיקער אַלטער,
וואָס האָט אַ לײַדנדיק, אַ מענטשלעך פּנים,
געווען איז דער וואָס האָט דעם נומער אײַנגעברענט;
די מאַנסלײַט אויפֿן בילד, די מיטל־יעריקע, געזעצטע, —
דאָס זײַנען די וואָס האָבן גאָר ניט לאַנג צוריק
אין זעלנערשע מונדירן פּאַראַדירט,
געשאָכטן און צעטראָטן און ראַבירט
און כּל־המינים מיתות אָנגעטאָן
די זקנים, פֿרויען, קינדער פֿון די זעקס מיליאָן.
און ניט גענוג געווען זיי אָפּצוקומען מיטן טויט —
אָפֿריִער זיי אין בלוט צעטראַמפּלט און אין קויט.

גערי‌סן זיי, געפּליקט זיי און געשענדט.
דערנאָך, ווען זיי האָבן געכאַפּט איבער די הענט —
צוריקגעקומען שטאַטנע און געזעצטע אין דער היים,
די נעגל זייערע די בלוטיקע איַינגעצויגן —
שאַ־שטיל, ווי קיין מאָל גאָרנישט ניט געווען!
נאָר אין די נעכט האָבן די בלוטמענטשן צעהיצט זיך,
געקומען אויף די וויַיבער זייערע — פֿון דער דערהיצונג
זיַינען געקומען אויף דער וועלט די שיינע קינדער,
וואָס כ'זע דאָ אויף די בילדער — קינדער
וואָס טראָגן אין זיך די פֿאַרסמטע בלוטן
און די רציחה פֿון די טאַטעס זייערע און זיידעס
פֿון העט די וויַיטסטע אָפּגערוקטע דורות —
און דאָס זיַינען די מענטשן אויף די בילדער,
וואָס קוקן מיט פֿאַרבענקטע אויגן אויף דער וואַנט.

הקפות

אַ ייִד דערציילט:
דאָס האַרץ האָט נעכטן שׂימחת־תּורה בײַ נאַכט
זיך פֿאַרבענקט, מיך געצויגן אין שול אַרײַן —
און פּונקט געטראָפֿן אין אַ חסידיש שטיבל.
די בליצלאָמפּן האָבן פֿאַרפֿלייצט דאָס הויז
און די קליינע שול האָט פֿריידיק געבליצט.
די ווײַבער, הינטער אַ דורכזיכטיקן פֿאָרהאַנג,
האָבן לעקעך געטיילט און אַ טראָפּן ווײַן
צו די ליפּן פֿון קליינוואַרג.
געווען דאָ ייִדן מיט די לאַנגע בערד,
בחורים מיט לויטערע גלאַטע פּנימער
און קרויזע פֿליִענדיקע פּאות.
געווען דאָ מענטשן אין די מיטעלע יאָרן,
וואָס זײַנען על־פּי־נס אַרויסגעקומען גאַנץ
פֿון גרויסן בראַנד. זיי האָבן געטאַנצט:
געפֿלאַכטן, געדרייט זיך אין עיגול
אַרום דער בימה — געטופּעט מיט די פּיס,
מיט הענט פֿאַרהייבן איבער די קעפּ,
געקלאַמערט זיך איינער צום צווייטן,
פֿאַרריסן די קעפּ צו דעם ווײַסן פּאָלאָפּ,
פֿאַרעקשנט און טראָציק געזונגען:
„אַפֿילו ווען איך גיי אין טאָל פֿון טויט
האָב איך פֿאַר שלעכטס קיין מורא ניט,
ווײַל דו ביסט מיט מיר!”

אַנגעפֿירט מיטן טאַנץ האָט דער רבי אַליין —
אַ ייִד מיט דער ווײַסער צעהוליעטער באָרד,
אין וואָלענעם טלית מיט דער ברייטער עטרה,
מיט בענטשנדיקע הענט איבער די טענצער.
(ער אויך אַן אָפּגעברענט שײַטל פֿון פֿײַער)
און דאָ האָב איך פֿאַרשטאַנען, פֿון וואַנען
מיר האָבן די כּוחות פֿון מצרים ביז דאַנען
אויסצושטיין צוואַנג, דראַנג און העלישן בראַנד
און גיין אונדזער גאַנג מיט געזאַנג אויף די ליפּן.

געטיילט דערנאָך פּסוקים פֿון „אתּה-הראית" —
די געקליבענע פֿײַערלעכע זאָגן
מיטן דורות-אַלטן ניגון.
געעפֿנט דעם אָרון —
האָבן ייִדן דרײַ, מיטן רבין בראָש,
דרײַ ספֿרי-תּורה אַרויסגענומען,
געמאַכט די הקפֿה — אַרונטער צום טיר
ביז די אונטערשטע בענק, און ווידער אַרויף
צום אָפֿענעם אָרון. און דאָ, אומגעריכט,
דערהער איך מײַן נאָמען, געפֿלאָכטן מיטן טאַטנס,
מיטן שטרענגען זאָג: „תּן כּבֿוד לתּורה!"
כ'האָב מיך אויפֿגעשטעלט מיט ייִראה און מורא,
די ספֿר-תּורה פֿון רבינס האַנט גענומען
און אין צווייטער הקפֿה אַרײַנגעקומען.
ס'איז געווען אַ קליינע ספֿר-תּורהלע,
וואָס איז אויך דורך אַלע העלישע פֿײַערן

אדורך — און איז ניצול געוואָרן.
אויסגעצירט איצט אין אַ סאַמעטן מענטעלע
מיטן גאָלדענעם כּתר מיט גלעקעלעך
וואָס קלינגלען קוים־קוים.
איך האָב זי אין גאַנג געקושט און געגלעט
און גוטע רייד צו איר גערעדט;
זי געטוליעט צום הארצן, מיט טרערן באַנעצט
איר סאַמעטן קלייד — זי געטראָגן,
ווי מ׳טראָגט אַ טײַער און הילפלאָז קינד.

ליב איך די ערד

* *

ליב איך די ערד אויף וועלכער איך טרעט —
פּריש איז די ערד דאָ און פּרוכטבאַר און פֿעט.
מיידלשע ערד, אַזוי נאָכגעביק, מילד,
קושט מײַנע טריט מיט איר גראָז און זי קילט.
הויכט פֿון איר אײַנגעווייד עפּל־געשמאַק,
פֿאָכען די ווינטלעך און גלעטן מײַן באַק.
כ׳ווייס, ס׳איז די ערד ניט פֿאַרהייליקט מיט בלוט,
ס׳ליגט ערגעץ אַנדערש מײַן טאַטע און רוט —
אָבער מײַן קינד פֿון איר ערד איז אַ שטיק,
לויכט אין איר ליכט, איז באַגליקט פֿון איר גליק.

אין עפּלפּעלד

צום נאָרד־אַמעריקאַנער הארבסט — אַ לויב, אַ ליד.
די שענסטע און געבענטשסטע צײַט פֿון יאָר.
עס שטייען ליכטיק־דורכזיכטיק די טעג און קלאָר
אין וואַרעמען און צאַרטן בלוי. די לאַנדשאַפֿט גליט
אַ פֿריידיקע, אַ פֿולע אין דײַן עפּלפֿעלד.
דער פֿלאַכער ברייטער טאָל — אַ גרינער עמעראַלד,
וואָס הויכט מיט וואַרעמקייט און שפּריצט מיט גאָלד
און מיניעט זיך אין שאָטן און אין ליכט און קוועלט.

אַ, צײַט פֿון רײַפֿקייט, אויסבראָך פֿון דער פֿולער קראַפֿט,
וואָס ליגט אין דער קאָמפּאַקטער פֿרוכט פֿאַרשפּאַרט —
אין רויטע גלאָבוסן פֿאַרחתמעט, שטײַף און האַרט,
וואָס טוי און זון האָבן אָנגעגאָסן פֿול מיט זאַפֿט;
די זײַט פֿון עפּל וואָס אַקעגן זון איז ראָז
און די, וואָס אין דער בלעטערנעץ, געווענדט צום שטאָם,
איז בלאַס און איידלגרין. אַ בוים אין פֿלאַם —
פֿון ברייטן שירעם זײַנעם ביז אין גרינעם גראָז.

די צווײַגן בייגן זיך אין אַ געשפּאַנטן בויג
אין גרויסער לאַסט, אַן עפּל צו אַן עפּל אָנגערייט,
אין דיקע שווערע פֿלעכטן, לאַנגע עפּלקייט
געשנירלט רויט אין גרין, דערפֿרייט דאָס אויג.
און אויף דער ערד, אין פֿולן היקף פֿון דעם בוים
ליגט אָנגעוואָרפֿן אינעם גראָז דער עפּלפֿאַל —
אַ רונדער גליִענדיקער טעפּעך, בליץ און שטראַל,
און בוים נאָך בוים ביז אינעם ווײַטן בלויען רוים.

ס'איז שטיל און גוט. דאָס זשומען פֿון אַ שווערער בין
שנײַדט דורך די שטילקייט, שווימט אַהין־און־קריק;
אַ פֿליגל־פֿלאַטער פֿון אַ פֿייגעלע: פּיק־פּיק —
דאָס טענצלט אויפֿן טעפּעך, אינעם רויט פֿון גרין,
אַ פּיק אַהער, אַ פּיק אַהין. אַ ווײַסער רויך
פֿון קופּעס ברענענדיקע בלעטער ציט אין לופֿט
און מישט צונויף זיך מיטן צאַרטן עפּלדופֿט,
דערטראָגט אַהער זײַן שאַרפֿן ביטערלעכן הויך.

אָ, נאָרד־אַמעריקאַנער גרויסע שטאַרקע ערד
אין דײַן געבענטשטער שפֿע פֿון דײַן רײַכן האַרבסט —
מיט לויב און ליד צו דיר איז אָנגעפֿילט מײַן האַרץ.
גיב גאָט, דײַן גרויסע שלווה זאָל ניט זײַן פֿאַרשטערט
אויף אייביק און אויף אייביק. כ'וועל ניט מיד
דײַן שטאַרקע פּראַכט צו זינגען, פֿרוכטבאַרקייט און זעט.
איין תּפֿילה טראָג איך אין מײַן האַרצן, איין געבעט,
אַז דײַנע עפּל זאָלן שמעקן פֿון מײַן ליד.

די עלעגיע פֿון אויסגעהאַקטן עפּל־גאָרטן

די אַלטע עפּלביימער ליגן אויסגעריסן —
הרוגים אין דעם ווײַסן שניי. פֿאַרשוואַרצט, געקאַרבט,
פֿון לאַנגע שווערע יאָר פֿון אויפֿגיין און פֿאַרגיין,
פֿון זומערדיקער היץ אוןווינטערדיקער קעלט,
פֿון ווינט, פֿון שטורעם און פֿון בליץ. איצט ליגן זיי
אַרויסגעשאָסן מיט די וואָרצלען אינעם שניי,
און אויף די וואָרצלען הענגען געלע גרודעס ערד —
ווי אויסגעריסן מיטן פֿלייש. די ווינטערזון
הענגט נידעריק און אָזנטיק און קאַלט
און פֿאַרבט דעם גרינלעך־בלויען שניי אין רויט
און שפּיגלט זיך אין בלאַנקן שטאָל פֿון זעג,
וואָס שנײַדט זיך אין אַ בוים.
אָ, עפּלבוים,
געגליכן צו דעם מענטש אין אַלע זײַנע תּקופֿות:
עלאַסטיש, חנעוודיק און שפּילעוודיק ווען יונג
אין פֿלאַטער פֿונעם ווינט; צעפּראַכטיקט און צעבליט
און ווי אַ כּלה אויסגעצירט אין ווײַסן צווײַט
און יוגנטלעכן גלי. אין רײַפֿקייט פֿון די יאָרן —
מיושבֿדיק, באַזעצט, מיט ברייטער בלעטערקרוין,
מיט צווײַגן זאַפֿטיקע, וואָס בייגן זיך פֿון לאַסט
פֿון שווערע, פֿולע, אָנגעזעצטע עפּל —
בורשטין און רויט. די פֿייגל פֿלאַטערן
און צוויטשערן אין ביימיקער געדיכטעניש,
און שווערע בינען זשומען גאָלדיק אַ געזאַנג
צום בוים און זײַנע פֿרוכטן. נאָר אין גאַנג פֿון יאָרן
פֿאַרגלײַכן קען מען זיי צו אָפּגעלעבטע זקנים:

זיי שטייען און זיי שטאַרצן צו דער זון
מיט צווײַגנהענט רעוומאַטיש אויסגעקרימט,
מיט קראַנקע גופֿים, דורכגעלעכערט און צעפּוילט —
ביז ס׳קומט דער באַלעבאָס מיט דינאַמיט און זעג
און רײַסט זיי אויס פֿון פּלאַץ.

דער טאַטע מיטן זון —
זיי אַרבעטן געשמאַק. די פּנימער פֿאַרברוינט
פֿון זון און ווינט, צעהיצט, מיט בלויזע קעפּ,
מיט קאַלטן גרינעם גלאַנץ אין בלויע אויגן.
ס׳איז שטיל אַרום, נאָר ס׳קריצט די שלאַנקע זעג,
די שאַרפֿע ציינער פֿרעסן זיך אין האָלץ.
די סטויג פֿון גלײַכע רונדן הייבט זיך, וואַקסט,
די קאָרע איז צעקנייטשט, און דאָ און דאָרט צעפּוילט,
נאָר ס׳לײַב פֿון האָלץ מיט נײַ־אַנטפּלעקטע רינגען
איז פֿריש נאָך, געלבלעך־רויט און טרעריק־פֿײַכט.
און אין דער אָוונטיקער ווינטערדיקער לופֿט
גייט אויף דער ווײַנגעשמאַק פֿון עפּלבוים,
מישט אויס זיך מיטן ריח פֿונעם שניי.

דאָס ליד פֿון אָפּגעבליטן דור

איך זינג דאָס ליד פֿון אָפּגעבליטן דור —
אַ דור, פֿאַר װעלכן אַלע װעגן פֿון דער װעלט
געלעגן זײַנען אָפֿן, ברײט און פֿרײַ צעהעלט.
עס האָבן זיך געעפֿנט האָריזאָנטן ליכטיק, קלאָר,
געצויגן און געכישופֿט אין דער נײַער װײַט.
אַ יונגער, שטאַרקער דור האָט זיך געטאָן אַ הײב,
האָט אָפּגעטרײסלט זיך פֿון אַלטן שטויב,
זיך אָנגעגורט מיט מוט און זיך באַנײַט.

אָ, װער געדענקט ניט יענעם גרויסן װעג
אין אָנהײב פֿון יאָרהונדערט דאָ אין לאַנד?
די װעלט איז יונג געװען און נײַ און אומבאַקאַנט
און מוראדיק, װי אין די ערשטע זיבן טעג.
און מיר — אַ פֿאָלק אַן אויסגעמאַטערט, אויסגעצערט,
געבויגן און געבראָכן און געװוינט צום קנוט —
אונדז האָבן פֿײַערן געצונדן זיך אין בלוט
בײַם ערשטן טראָט אויף דער געבענטשטער ערד.

באַצװינגער פֿון דעם נײַעם לאַנד, פֿון כּנען־לאַנד,
דורך מוט און װאַגעניש, דורך מוז און נויט;
װער ס'האָט געזוכט אַ דאַך איבערן קאָפּ און ברויט,
װער ס'האָט געהאַט דאָס שאַרפֿע אויג און שטאַרקע האַנט.
װער ס'איז אַנטלאָפֿן מיטן לעבן פֿון פּאָגראָם,
געראַטעװעט, װי פֿון אַ שׂריפֿה, װײַב און קינד;
װער ס'האָט געפֿאָלגט דעם רוף פֿון די אינסטינקטן בלינד
און סתּם אַזוי געלאָזט פֿאַרשלעפּן זיך פֿון שטראָם.

אַ גרויסע שווערע, מעכטיקע אַרמיי,
וואָס האָט מאַרשירט מיט קלומיקעס, מיט זעק און פּעק,
צום „טרערן־אינדזל״ פֿון דער שיפֿס צעווישנדעק
און צו דער פֿאָלקס־אַכסניה וואָס אויף איסט־בראָדוויי.
אָ, פּעק און זעק, באַזונגענע פֿון ראָזענפֿעלד
מיט ברענענדיקן פּאַטאָס און מיט וויי —
דאָס זײַנען פּעק געווען פֿון אַנגסטן און געשריי
וואָס ס׳האָט אַ וואַנדערפֿאָלק געבראַכט אין נײַער וועלט.

אַזוי פֿיל ליכט, אַזוי פֿיל וואַרעמקייט און מאַכט
האָט זיך געגאָסן ברויזנדיק און זיך געשפּרייט;
אַזוי פֿיל רחמים, האָפֿ׳נונג, לייד און פֿרייד
און ציטערדיקע בענקשאַפֿט נאָך דער אַלטער פּראַכט.
אָ, אַלטע פּראַכט, פֿאַרמישפּטע צום אונטערגאַנג
אין דעמאָלטיקן שטורעמדיק־צעברויזטן ים —
געבראָכן האָט דאָס לעבן קייט און צאַם
און אויפֿגעריסן אַלע דאַמבעס אין געדראַנג.

מיר זײַנען הונגעריק געווען נאָך ליכט און פֿרייד —
און יעדער ווונטש און יעדע תּאווה און באַגער,
וואָס זײַנען אַטראָפֿירט געווען, געשלומערט שווער,
זיי האָבן אָפּגעריסן זיך, ווי הינט פֿון קייט,
אַוועק אין ווילדן הפֿקר־טאַנץ. צעשפּרונגען איז
דער דרוק פֿון גרויע דורות אָן דעם שטיין,
פֿאַרקלונגען האָט דער אייביק־שטרענגער „ניין״,
פֿאַרשעמט געוואַלגערט זיך אין שטויב אונטער די פֿיס.

אָ, רײַכע אָרעמקייט פֿון יענער יונגער צײַט
מיט גאָר איר פֿולקייט און איר אויסטערלישן חן —
געוויין דורך לאַכן און אַ לאַכן דורך געוויין
אין ענגשאַפֿט פֿון דער אויפֿגערודערטער „איסט-סײַד".
דאָס שמוציק-טונקעלע געפּראָפּטע טענעמענט-הויז
אויף טשערי, ריווינגטאָן און סטענטאָן און קאַנעל —
אין בראַזג פֿון שווערע וועגענער, אין גרילץ פֿון „על",
אין טאָג-און-נאַכטיקן געפּילדער און געברויז.

ווער ס'האָט געקרענקט און ווער עס האָט געבענקט,
בײַ וועמען ס'איז די טרער געווען אַן אָפֿטער גאַסט;
ווער ס'האָט געליבט און ווער עס האָט געהאַסט,
ווער ס'האָט פֿאַרגעסן ניט געקענט — און האָט געדענקט.
נאָר ס'האָט פֿון אַלץ און אַלעמען אַרום
מיט יוגנטלעכן גלויבן האָפֿערדיק געשפּראָצט,
מיט דער עקשנותדיקער קראַפֿט וואָס שאַפֿט און טראָצט,
און שפּאַרט און ברעכט די גרענעצן פֿון ענגן תּחום.

דאָרט האָט זיך די נשמה פֿון מײַן פֿאָלק אַנטפּלעקט
אין באַרעמהאַרציקייט און טרייסט צו העלפֿן גרייט;
געשטראָמט מיט רחמים און געלינדערט לייד,
אַ ברידערלעכע האַנט דעם פֿרעמדן אויסגעשטרעקט.
אין גרויסער ענגשאַפֿט אַ געלעגער אים געבעט,
געגעבן אים צו זאַט געקעכטס מיט ברויט;
אים בײַגעשטאַנען אין זײַן שווערן טאָג פֿון נויט,
געוואַשן זײַנע וועש, פֿאַרריכט און אויסגעגלעט.

כ׳געדענק אַ הויז וווּ ס׳איז דער לאָבן ברויט,
דאָס שווערע קימלדיקע שוואַרצברויט, ניט אַראָפּ
פֿון טיש; אין היימישן פֿאַרשוואַרצטן טאָפּ
האָט לונג-און-לעבער זיך געדעמפּט, צי זויערקרויט,
פֿאַרשמעקט די שטוב; און ווער ס׳איז נאָר אַרײַן —
אַ ווײַטער לאַנדסמאַן וואָס האָט יענעם טאָג אומזיסט
„געמאָסטן גאַסן” און געבראָכן זײַנע פֿיס,
האָט אַרבעט אומגעזוכט, פֿאַרקלעמט פֿון פּײַן;

צי סתּם באַקאַנטע, פֿרײַנד פֿון טעכטער און פֿון זין —
די באַלעבאָסטע (גרינג זאָל זײַן איר ברוקלינס ערד)
האָט זיך צום פּלומרשטיקן דאַנק ניט צוגעהערט,
געגעבן זיי פֿאַרשטיין דעם מיין פֿון „כּל-דכפֿין”
און זיי באַזעצט צום טיש. מיט ברייטקייט, ניט געקאַרגט,
און מאַמיש-האַרציק זיי געוווּנטשן אַפּעטיט.
אַרײַנגעקומען איז דער גאַסט פֿאַרשמאַכט און מיד,
אַוועקגעגאַנגען איז ער מונטער און געשטאַרקט.

צו פּערע-דינהן און איר הויזגעזינד אַ לויב —
דער אשת-חיל פֿון דער ליטווישער קיידאַן,
וואָס איז געגאַנגען איר גאַנץ לעבן אין געשפּאַן —
מיט יִראת-כּבֿוד שטיי איך פֿאַר איר שטויב.
האָט אויסגעטראָגן אויף די פּלייצעס גאָר די זאָרג
און גאָר די לאַסט פֿון גרויסן הויזגעזינד;
און פֿרעמדע, ווי די אייגענע, געטרײַ געדינט
אין שווערן לעבן פֿון דער ייִדישער ניו-יאָרק.

אין ליכט פֿון סוף־זומער

עלעגיש זינגט דאָס האַרץ, דאָס מידע האַרץ,
אין קלאָרן, אין סוף־זומערדיקן ליכט.
דער גרויסער חן און צער פֿון וועלקן שוועבט
און שפּרייט זיך אויפֿן פּאַרק, אויף בוים און גראָז.
די הימלען זײַנען בלוי, אַ טיפֿער בלוי,
די זון ברענט קלאָר אין בלויער ליכטיקייט.
איך זיץ, מײַן פּנים צו דער זון געווענדט,
און טרינק די גוטע וואַרעמקייט, וואָס גלעט,
מיט אויגן האַלב־פֿאַרמאַכט. די ביימער רעגענען
אָן אויפֿהער און אָן אָפּשטעל אויפֿן גראָז
מיט געלע בלעטער. בינען זשומען שטיל
און פֿייגל צוויטשערן פֿון צווישן צווײַגן.
אין שטילקייט פֿון דעם ליכטיקן בײַטאָג
וואָס שפּאַנט מיט שלווה און מיט גוטער רו —
ברומט טיף אין מוח און אין שטילן האַרץ,
ווי ס׳וואָלט אַ טויב געוואַרקעט פֿון אַ חורבֿה,
אָן אַלט געזאַנג וואָס כ׳האָב געקענט אַ מאָל
און האָב פֿאַרגעסן לאַנג, און האָט אַצינד דערוואַכט
און טרעט ניט אָפּ און רירט ביז שטילע טרערן:

איך גיי אַרום אין פֿרעמדן וואַלד,
עס לײַכט די זון, נאָר מיר איז קאַלט;
זינגען זינג איך — מײַן געזאַנג
ווערט פֿאַרשטומט אָןווידערקלאַנג.

אָ, קלאָרע ליכטיקייט פֿון אונדזער האַרבסט —
שוין פֿערציק יאָר ווי כ׳לעב אַדורך דײַן פּראַכט
און ס׳קען ניט האַרץ זיך אָנפֿרייען גענוג,

און ס׳קען דאָס אויג ניט זעטיקן זיך גאָר
מיטן חסד פֿון די פֿאַרבן און קאָלירן
און מיטן מילדן קלאָרן ליכט וואָס שטראָמט
אין גרויסער שלווה. (וואָרהאַפֿטיק, גיב גאָט,
די שלווה זאָל ניט ווערן אָפּגעטאָן
פֿון אונדז און פֿון די קינדער אונדזערע
און פֿונעם גאַנצן לאַנד). די ענגלעך מאַלינעס,
ווי רויטע ענגלעך קרעלן, לײַכטן דורך
די געלבלעך־גרינע צווײַגלעך פֿון די ביימלעך,
און ווײַסע זײַלן רויך — זיי גייען אויף
פֿון פֿײַערן פֿון אָנגעשאַרטע בלעטער;
און אַז דאָס לינדע ווינטל פֿאָכט אַדורך —
דערגייט צו מיר, דאָ אויף דער אָפּגעלייגטער באַנק,
דער שאַרפֿער ריח פֿון געברענטע בלעטער,
מיט ווײַניקייט און ביטערקייט פֿון זאַפֿטן
און גראָזן געל־פֿאַרטריקנטע אין פֿלאַם.
און דורכן פֿאָרהאַנג פֿון די ווײַסע רויכן קומט
געפֿילדער און געקלאַנג פֿון יונגע קינדער —
גרייכט נעפּלדיק צו מיר, ווי פֿון אַן אַנדער וועלט.
דער שאַרפֿער רויך פֿאַרשיכּורט יעדן חוש
און אינעם הארצן ציטערט, ציטערט, קלינגט:

איך גיי אַרום אין פֿרעמדן וואַלד,
עס לײַכט די זון, נאָר מיר איז קאַלט;
זינגען זינג איך — מײַן געזאַנג
ווערט פֿאַרשטומט אָן ווידערקלאַנג.

אַ האַלב־שעה גאַנג פֿון בערגל וווּ איך זיץ
ליגט אויסגעשפּרייט דאָס פֿעלד פֿון גרויסער רו,
פֿון בוים באַשירעמט און באַדעקט מיט גראָז —

און אינעם ליכט אין דעם עלעגישן פֿון טאָג
שטייט אויף די צײַט פֿון אויפֿבוי און פֿון קראַפֿט
אין נײַעם פֿרעמדן לאַנד; אַ גרויסער וואַלד,
אַ גרינער רוישנדיקער וואַלד אין אויפֿגאַנג
מיט פֿייגל און געזאַנג. מיט רחמים און מיט חסד
איז אײַנגעקריצט אין האַרצן יענע צײַט. —
און איך געדענק אליקומען, דעם אַלטן באָרד,
ווי ער פֿלעגט זיצן בײַ זײַן דרוקערײַ
אויף איסט-בראָדוויי, אין הייסע זומערטעג,
און שלומערן אין שטול. (איך בין זיך מודה דאָ,
אַז כ׳האָב די לידער זײַנע ניט געלייענט,
נאָר איך געדענק זיי פֿון מײַן מאַמעס ליפּן).
און איך געדענק יהואָשן פֿון נײַנצן זיבן,
וואָס האָט געשטראַלט פֿון זיך מיט דינער פֿײַנקייט,
מיט אַלטער חכמה און מיט יונגן גלויבן;
און ראָזענפֿעלדן פֿון דעם נײַנטן יאָר
אין בראָנקסער קלערמאָנט-פּאַרק אונטער אַ בוים,
אַן אָנגעברוגזטן, צעבראָכענעם פֿון לעבן;
און ליעסינען, דעם מאַן פֿון קאַמף און ליד,
מיט ייִדישער עקשנות און מסירת-נפֿש,
אַרויסרוף צו דער פֿײַנדלעכער און האַרטער וועלט —
אַ גרויסער שטאַרקער דור, אַן אײַנגעוואָרצלטער
אין דורכגעווייקטער ערד פֿון אונדזער בלוט
און מיט די קעפּ צום הימל אָנגעשפּאַרט.
און באַלד איז צוגעקומען צו דעם גרויסן כאָר
אַ מחנה יוגנט; מיטן גרויסן שטראָם
וואָס האָט געפּלייצט אַהער מיט אַלע שיפֿן,
געטראָגן מחנות פּליטים צו דעם פֿרײַען ברעג —
האָט איטלעך שיף, צוזאַמען מיט דער אָרעמקייט
פֿון אַלטער היים, געבראַכט זײַן רײַכע צינז

צום ליד דעם יִדישן. די, ווי די פֿריִערדיקע,
זיי האָבן ניט געזוכט קיין גאָלד און גליקן —
זיי האָבן גאָרנישט ניט געוואָלט און ניט געזוכט,
ווי בלויז דאָס ליד וואָס האָט געברענט זיי אויף די ליפּן
און אויפֿגעפֿלאַמט די אויגן און די הערצער.
און איטלעך איינער מיט זיין אייגענער געשטאַלט
און מיט זײַן אייגן קול. אַ יונגער דור,
אַ יונגער ווידערוווקס אין אַלטן פֿעלד,
איז אויפֿגעקומען איבערנאַכט מיט קלאַנג,
מיט רוישנדיקע צווײַגן און מיט פֿרוכטן.
אַ טייל פֿון זיי געפֿאַלן אין דעם שווערן וועג
אין בליִענדיקסטע יאָרן: משה-לייב,
ווי כ׳זע אים איצט פֿון יענער יונגער צײַט,
נאָך איידער ס׳איז זײַן קאָפּ געוואָרן אַשיק-גרוי.
אַ יונג אַ לאַבוז, מיט אַ פּנים — רויט,
און אָפּגעשאָטן מיט אַ קלײַנע זומערשפּרענקלעך —
דער גאַסנפויקער אונדזערער אין לאַנד,
וואָס האָט געדזשינדזשעט אויף די טאַצן ביז אין טויט.
און זישאָס איידעלע געשטאַלט פֿון יענער צײַט,
אַ צאַרט און בייגיק שפּראָצלינג, אויפֿגעקומען
„פֿון קיניגרײַך פֿון ניט פֿון דיזער וועלט“,
מיט בלויע אויגן און מיט זאַנגענגאָלד
אויפֿן געלאָקטן בלאָנדן קאָפּ. „דער מאַן פֿון ליד“.
זאָל דאָ דערמאָנט זײַן אבֿרהם-משה אויך,
וואָס האָט געהאַלטן אין באַגלייטן די קאַפּעליע
אויף איינער אויף אַ סטרונע אין זײַן וועג.
די אַלע ליגן אויפֿן גרויסן פֿעלד פֿון רו,
און אַלע דורות זײַנען אויסגעגליכן,
פֿון בוים באַשירעמט און באַדעקט מיט גראָז
אַ האַלב-שעה גאַנג פֿון בערגל ווו איך זיץ.

אַן אַלטער ייִד מיט צוויי הינט

אַן עלטערער ייִד האָט געפֿירט צוויי הינט
אויף צוײַמלעך פֿון לעדערנע פּאַסן;
זײַן פּנים צעקאַרבט, צעשניטן אין שניט,
פֿול ווייטיק און צער זײַנע אויגן —
געפֿירט די צוויי הינט.
די גאַס האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן:
אַזאַ מין פּאָר הינט באַגעגנט מען זעלטן,
ניט הינט — נאָר לייבן.
צוויי הינט מיט די ליכטיקע בלאָנדע האָר,
וואָס איטלעך האָר איז געקעמט און געבאַרשטן
און שפּיגלט זיך גאָלדיק אין זונשײַן.
דער קאָפּ הויך פֿאַרריסן און שפּיציק,
מיט קרומלעכן ביסטרען קוק אין די אויגן —
אויף אײַזערנע גרויע פֿיס.

דער ייִד האָט געלאָזט זיך אַדורכגיין די גאַס —
נאָר איין הונט האָט געצויגן אויף רעכטס
און דער צווייטער האָט געריסן זיך לינקס.
איצט האָט דער ייִד ניט געפֿירט שוין די הינט,
נאָר די הינט האָבן געשלעפּט דעם ייִדן.
אין דער מיט פֿון דער גאַס האָבן מאַשינען
גענומען אָנלויפֿן פֿון ביידע זײַטן —
די האָרנס טרובען, שרײַען, רעווען.

אָט־אָט — האָט אויסגעזען — מ׳פֿאָרט אים איבער,
דעם ייִדן מיט די הינט זײַנע צוזאַמען —
נאָר ווי־ניט־ווי האָט זיך אים אײַנגעגעבן
די גאַס אַדורכצושנײַדן מיטן לעבן.

דאָס האָט אַ טאָכטער, צי אַ שנור, אַרויסגעשיקט
דעם אַלטן טאַטן לופֿטערן די הינט...

אַלטוואַרג

זיי האָבן היינט אַרײַנגעכאַפּט אַ ביסל זונשייַן,
די זקנים און די זקנות פֿון דער שכונה,
נאָך לאַנגע טעג פֿון נעץ און רעגן;
זיי זײַנען היינט גאָר אויפֿגעלעבט געוואָרן,
אויף לאַנגע יאָרן!
ס׳איז גרין און ליכטיק —
דאָס קליינע פּאַרקל צווישן די אַספֿאַלט-וועגן
איז אָנגעפּראָפּט מיט זיי, באַזעצט קיין עין-הרע,
פֿײַן אָנגעטאָן, די בגדים — נעט און ציכטיק.
דערקענסט גאָר לײַכט די גאַנצע פּאָרן
און די צעהאַלבטע: אַלמנס און אַלמנות.
די גאַנצע פּאָרלעך האַלטן זיך צוזאַמען
מיט חשיבֿות, ווי די יוסטע בעלי-יִחוס;
די אַלמנס אָבער בחורן זיך בנאמנות
מיט רויטע און מיט בלויע בלימלעך אין די לאַצן;
די צרה אָבער איז: די גלאַטע פּליכעס.
און אַנדערע פֿון זיי נאָך טענצלען אונטער
און טרעסן מיט די הענט. עס שאַדט ניט אָבער,
זיי זײַנען רירעוודיק און מונטער.
פֿאַרגינען זיך אַרײַנצוּוואַרפֿן
אַ פֿעפֿערדיקן וויץ אַ שאַרפֿן —
די ווײַבער קוויטשען, פּלומרשט ווי דערשראָקן;
די פּאַטליעס האָר געפֿאַרבטע און קאַרבירטע,
זיי מיידלען זיך אין קליידלעך אין קאָלירטע.
די צרה אָבער איז, וואָס ס׳קורצע קליידל
פֿאַרדעקט זיי ניט די פֿיס —

די פֿיס אין דינע דורכזיכטיקע זאָקן
זײַנען מיט גרינע פֿאַרצווײַגטע אָדערן
אַדורכגעצויגן —
פֿון לאַנגע יאָרן שווערער האָרעוואַניע,
פֿון שלעפּן פּעק אויף הויכע שטיגן,
פֿון וואַשן, קאָכן, קינדלען, זייגן.

נאָך װעגן אַלטװאַרג

דער נבֿיא זכריה האָט געזאָגט:
„עס װעלן זיצן נאָך זקנים און זקנות
אין די גאַסן פֿון ירושלים,
און יעדער אײנער מיט זײַן שטעקן אין האַנט
מחמת גרױס עלטער".
איך װײס ניט װי אין ירושלים —
נאָר אױף פעלהאַם-פּאַרקװײ אין דער בראָנקס
איז די נבֿואה שױן מקוים.
עס זיצן זקנים מיט די שטעקנס אין די הענט
אױף בענק פֿון גאַס און שאָטן פֿון די בײמער,
און זקנות שטופּן קינדער-װעגלעך
פֿון אײניקלעך און אוראײניקלעך.
אַ גרױסע צאָל פֿון זײ, פֿון אַמאָל די בענקזיצער,
זײַנען געװען אַ מאָל די ערשטע פּעדלער
װאָס פֿלעגן קומען דאָ מיט לאַנגע יאָר צוריק
מיט שװערע פּעק אױף זײערע פּלײצעס,
מיט די פֿאַרטערטע װײנענדיקע אױגן.
דער דאָזיקער טײל בראָנקס איז נאָך געלעגן
אין פֿאַרמס אױסגעשפּרײט און אָפּגערוקט
אַ היפּשן שטח אײנע פֿון דער צװײטער —
געכאָװעט גרינס און פֿרוכטן פֿאַרן גרױסן מאָגן
פֿון כּרך ניו-יאָרק. האָבן די פּעדלער
געשלעפּט זיך מיט די נאַקן-ברעכנדיקע פּעק,
געװאָרן אױסגעריסן פֿון די בײזע הינט,

געקלאַפּט זיך אין די פרעמדע טירן־טויערן
מיט זייער סחורה. אַ מאָל פלעגט זיי געלינגען:
פאַרקויפט אַ העמד, אַ ציכל און אַ ליילעך,
אַ שפּילצייג פאַר די קינדער — און גאַנץ אָפט
אַוועק מיט ליידיקן.
די מערסטע אָבער
פון אָט די בענקזיצער האָבן געשוויצט
אין יענע אומברחמנותדיקע שוויצשעפּער
וואָס מאָרים ראָזענפעלד האָט זיי באַרימט געמאַכט.
געשקלאַפט אין זומפּ פון קריכנדיקע שעהען
פון פרי־באַגינען ביז אין שפּעטער נאַכט אַריין;
די צושניידער און שטריגעווער און שטעפּער,
די פּרעסער מיט די בראַזגעדיקע פּרעסאייזנס —
געשניידערט מענער־בגדים פאַרן לאַנד.
זיי האָבן זיך געשטיקט אין ענגע דירות
אויף דער איסט־סייד, צופוסנס פון דער שטאָט —
אַריינגעבראַכט אין הויז דאָס גוטע שוואַרצברויט,
וואָס טראָגט דעם פיינעם נאָמען „פּאָמפּערניקל״,
דעם פעטן שמאַלצהערינג מיט די קאַרטאָפליעס,
און פאַר די עופעלעך אַ בוטל מילך,
צו דאַנקען און צו לויבן גאָט דערפאַר —
דעם יאָך געצויגן.
אויך די ווייבער דאָ
וואָס דרייען זיך אַרום די קינדער־וועגלעך,
האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו דער פּרנסה;
געלאָזט דאָס קליינוואַרג אויף די הענט

פֿון קינדער גרעסערע, געגאַנגען אַרבעטן
ביַי וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט: פֿרויענקליידער, אונטערוועש,
און אַנדערע מכשירים פֿאַרן גוף —
געטריבן פֿון דער נויט.
פֿאַרן קומענדיקן דור —
פֿאַר זין און טעכטער, האָבן זיי געזוכט
שוין לײַכטערע פּרנסות. די מיט גוטע קעפּ
געגאַנגען זײַנען שוין אין קאַלעדזשעס,
געלערנט מעדיצין, געזעץ און בוכפֿירונג,
געוואָרן לערער אין די אַלגעמיינע שולן.
די יעניקע וואָס האָבן צו לימודים
קיין חשק ניט געהאַט — זײַנען געגאַנגען
צוזאַמען מיט די טאַטעס אינעם שנײַדער-שאַפּ.
און שפּעטער, מיטן דאָלאַר אָפּגעשפּאָרט פֿון מויל,
אַליין געעפֿנט קליינע שוויצשעפּער,
אַליין געוואָרן אויסנוצער און אָנטרײַבער,
און פֿיל פֿון זיי זײַנען אַוועק גאָר גרויס.

איצט זיצן זיי, די אויסגעדינטע זיידעס,
ווי אָפּגעשלאָגענע הושענאָס, אויף די בענק
פֿון פּעלהאַם-פּאַרקוויי אין דער בראָנקס,
און מן-הסתּם פֿון גאַנץ ניו-יאָרק און ברוקלין —
צעקרימט, צעלאָמט, מיט אויגן אויסגערונענע,
מיט טרייסלדיקע הענט און וואַקלדיקע פֿיס.
ניט ווילנדיק, טוסטו אַ מאָל אַ טראַכט,
בעת דו זעסט זיי מיט די שטעקנס און די קוליעס,
אַז ס׳איז דעם נבֿיאס ברכה גאָר אַ קללה.

אַן אַלט פּאָרל בײַם ים

זיי קומען טאָג נאָך טאָג אַהער —
צופֿוסנס זיי ליגט שטיל דער ים;
דער װײַסלעך־געלער זאַמד צעגליט,
דער װאַסער־שפּיגל בליץ און פֿלאַם.
אָט זיצט אַ פּאָרל, מאַן און װײַב —
זי האָט אַ מאָל באַדאַרפֿט זײַן שיין;
די אויגן האָבן נאָך אַ גלאַנץ,
די אַלטע האָט נאָך רעשטלעך חן.
נאָר ער איז שלאַבערדיק און פֿעט,
מיט בלױע אָדערן פֿאַרװעבט;
דער גוף איז שװער, זײַן קאָפּ — איין פּליך,
די מוטנע אויגן װי פֿאַרקלעפּט.
זי זיצט און שטריקט, ער זיצט און שטאַרט,
און אַלץ זיך ניט גערירט פֿון אָרט;
עס קלאַמערט זיך דער שװערער גוף
נאָך זון, נאָך ליכט — און ניט קיין װאָרט.
זיי ריידן שוין ניט מער — ס'װערט שפּעט,
זיי האָבן אַלץ שוין אָפּגערעדט.

לאַנג־לעבן

לעבט מען לאַנג — ווערט מען אַלט. ניט צו מאַכן.
אַזוי איז דאָס געזעץ פֿאַר אַלץ וואָס אָטעמט,
פֿאַר מענטש, פֿאַר חיה און פֿאַר פֿויגל,
פֿאַר בוים און גראָז, ווי פֿאַרן מינדסטן וואָרעם —
פֿאַר אַלץ וואָס ציט זײַן חיות פֿון דער ערד.
אַלץ לעכצט נאָכן געבענטשטן זומער־רעגן,
וואָס גיסט זיך דורכזיכטיק אין קלאָרע גוסן,
נאָך זילבערנעם פֿרימאָרגנדיקן טוי,
נאָך זון און ליכט; אַלץ בליט און צײַטיקט זיך,
קומט אויף און ווערט פֿאַרוועלקט; און מיטן וועלקן
בײַט אַלץ זײַנע קאָלירן, חוץ דער נאָדלבוים,
וואָס גרינט אַפֿילו פֿון דעם שניי אַרויס.
גאָר אַנדערש בײַט דער בלעטערבוים קאָליר:
דער דעמב אין זונליכט פֿון זײַן טיפֿן האַרבסט
זעט אויס ווי אָנגעצונדן אין דעם פֿלאַם
פֿון צונטער־רויטע בלעטער — טראָגט זײַן וועלקן
אין פֿלאַמענדיקער שיינקייט. ס'אייגענע
איז חל אויך אויפֿן מענטשן ווען ער פֿאַלט אַרײַן
אין האַרבסט פֿון לעבן: ס'זײַנען דאָ אַזוינע
וואָס ווערן פֿרי פֿאַרוויאַנעט און צעפֿאַלן,
אַז ס'איז אַ ווייטיק און אַ צער זיי אָנצוקוקן.
און ניט דערפֿאַר וואָס זיי זײַנען צעקנייטשט,
געבראָכן און געהויקערט, מיט די קאַלע קעפּ —
נאָר פֿאַר דער גיריקייט און גײַציקייט,
וואָס טליִען נאָך אַרויס פֿון מוטנע אויגן,
אַרײַנצוכאַפּן נאָך אַ פּיצל, נאָך אַ ברעקל,

ווײַל נאָך אַ בראָק — מיינט, נאָך אַ בראָק טויט־לעבן.
איין ווונטש, אַן איינציקן, טראָג איך אין האַרצן:
מײַן עלטער זאָל מײַן יוגנט ניט פֿאַרשעמען —
איך זאָל די לאַסט פֿון פּײַן און יאָרן טראָגן
מיט ווערדע און מיט שטאָלץ, ווי יענער דעמב,
וואָס כ'האָב געזען אַ פֿלאַמיקן אין טיפֿן האַרבסט.

אַ ליד אָן גראַמען

אין אָנדענק פון מ. א.

ס'איז אייגנטלעך קיין ליד ניט,
נאָר אַ קינה —
געוויין אויפֿן מענטשנס פֿאַרגיין.
כ'געדענק זי דאָך פֿון בליִענדיקער יוגנט —
אַ שטאַלטנע, שלאַנקע, ליכטיקע,
מיטן גוטן שמייכל אויף דעם פּנים
און קלוגע, שטראַליקע אויגן.
און איצט בין איך געזעסן בײַ איר בעט:
איר קאָפּ אין גאַנצן ווײַס, ריין־זילבער,
איין האַלבע זײַט פֿון גוף אַנטשוויגן.
איך בין געזעסן טיף־געבויגן,
געגלעט איר לעבעדיקע האַנט,
זיך אײַנגעהאַלטן קוים, די ציין פֿאַרפּרעסט,
ניט אויסצוברעכן אין געוויין —
און זי האָט קלוג געשמייכלט און געזוכט
גאָר מיך צו טרייסטן מיט אַ וואָרט.

די דאָזיקע רייד פֿון קלאָגליד
זײַנען געשריבן אָן גראַמען —
מחמת מ'שרײַבט ניט גראַם־שטראָם
וועגן אַ שטאַרבנדיקער פרינצעסין.

בלעטערפֿאַל

אַזאַ ליכטיקער טאָג אַ העל-בלויער,
שפּעטהאַרבסטיק אין שפֿע פֿון זעט —
יאָ, אַ טאָג אַ געשענקטער פֿון הימל,
זײַן פּראַכט רעדט צום האַרצן און רעדט.

און דער קליינער פּאַרק פֿון מײַן שכונה
שטייט אין דאָזיקן ליכט צעשטראַלט;
ווי די הענט זײַנען צווײַגן פֿאַרהויבן
און איין בלאַט נאָכן אַנדערן פֿאַלט.

איטלעך בלאַט קופּער-רויט און שפּיציק
פֿאַרענדיקט זיך שאַרף, ווי אַ שפּיז;
און די הורבעס געפֿאַלענע בלעטער
שאָרכן רוישיק אונטער די פֿיס.

ניטאָ איצט קיין פֿריִערס, קיין שפּעטערס,
ס׳איז דאָ בלויז די איינע מינוט.
אַן איבעררוף, צוויטשער פֿון שוואַלבן —
קענסט זאָגן איין וואָרט בלויז: ס׳איז גוט!

ליד

אַן אָנרעג, אַ שטילער ציטער,
ווערסט ווידער יונג און וואַך;
אַ קינדס צעליכטיקט פּנים,
אַ שורה פֿון תּנ"ך.

אַן אויפֿבליץ פֿון געוועזנס,
אַ שׂימחה און אַ צער —
שטייט ווידער אויף צום לעבן
און מאָנט אין ליד זײַן שׂכר.

כ'האָב נאָר איין ווונטש אין האַרצן:
אַ טראָפּן שאַרפֿער ווײַן
פֿון איובֿ און קהלת
זאָל אינעם ליד אַרײַן.

קאַליפֿאָרניער מאָטיוון

א. דער מידבר אין זונפֿאַרגאַנג

כ׳האָב געזען אין דעם מידבר גאָטס כּבֿוד,
אין דער שטילקייט דער שטומער — זײַן פּראַכט;
ס׳איז געווען אין דער שעה פֿון שקיעה,
אין דעם גלי פֿון דעם בלויען פֿאַרנאַכט.

אויף די נאַקעטע בערג די צעברענטע
ליגט צעוואָרפֿן דער זוים פֿון זײַן קלייד;
און דאָס קלייד ברענט אין פֿליסיקן פֿײַער,
דעקט דעם מידבר אין ווײַט און אין ברייט.

און דאָס פֿײַער — פֿיאָלעטער פּורפּור,
ביז דעם איידל̃סטן לופֿטיקסטן רויט —
שפּיגל̃ט אָפּ זיך מיט גנאָד און מיט רחמים
אויפֿן טרוקענעם מידבר וואָס בלויט.

און די בלויקייט — אַ טיפֿע, אַ שאַרפֿע,
ס׳בלויט דאָס געל-ווײַסע טרוקענע זאַמד;
און עס וואַרפֿט בלויע שאָטנס דער קאַקטוס
מיט זײַן שטעכיק-פֿאַרהייבענער האַנט.

און די כּלה, די איידעלע יוקאַ,
האָט געביטן איר ווײַסקלייד אויף ראָז;
און זי שטייט און פֿאַרנייגט זיך, פֿאַררייטלט,
צו די דערנער און שטעכיקן גראָז.

און דער דאָרן דער מינדסטער פֿון מידבר
שטייט מיט קאָפּ צו דעם פֿײַער געווענדט ;
פונקט אַזוי ווי דער סנה פֿון פֿאַרצײַטן —
ברענט אין פֿײַער און ווערט ניט פֿאַרברענט.

ב. איבער פּאָוס מאַנוסקריפּט פון „אַנאַבעל לי״

דאָס ליד אין עדגאַר אַלענס שריפט
ליגט אונטער גלאָז און ראַם:
„ס׳איז געווען מיט יאָרן און יאָרן צוריק
אין קיניגטום בײַם ים״.
און די שריפט איז קליין און שאַרף און ריין
און גליט אין שוואַרצער ראַם.

די האַנט פון פאַרליטענעם קראַנקן באַרד
האָט מיט יאָרן און יאָרן צוריק
אויסגעפּיבערט דאָס ליד אויפן געלן פּאַפּיר
און די בלעטלעך געקלעפּט אין איין שטיק —
און זײַן כלה, זײַן קינד־ווײַב, זײַן אַנאַבעל לי,
פאַראייביקט אין שוואַרצער מוזיק.

די צײַט גייט איר גאַנג, גייט איר אייביקן גאַנג,
און אַוועק זײַנען הונדערט יאָר —
און דער ציטער פון קלאַנג, פון וואָרט אין געזאַנג
גייט איבער פון דור צו דור —
דאָס ליד פונעם מיידל־ווײַב, צאַרט און באַנג,
מיט אויגן — ווי שטערן קלאָר.

און דער מענטש אויפן ווײַטן פּאַציפישן ים
שטייט באַצוווּנגען פון אייביקן צער —
עס באַווייט אים דער אַלטער שוואַרצער פלאַם,
מאַכט ריידן אין קבר די ליפּן פון באַרד:
„איך בין אַ קינד געווען, זי איז אַ קינד געווען
אין קיניגטום בײַם ים״.

ג. אַ לבֿנה־נאַכט אין די בערג

אויף ברייטע ווײַסע פֿליגל שוועבט די נאַכט,
די שטילע זילבערנאַכט פֿון ווײַטן מערבֿ.
ס'איז שטיל און קיל. עס ציִען שטראָמען לופֿט
און בלעטערן און שאָרכן אין דיביימער.
עס שמעקט מיט אָראַנזש־בליִונג און מיט האָניק,
מיט ערד, מיט קרײַטעכצער און יונירוייזן.
אַ פֿויגל צו אַ פֿויגל צווויטשערט, רופֿט,
און גרילן זעגן אין דער נאַכט אַרײַן.
די אַלטע אייקאַליפּטוס־ביימער גרויען,
מאַגנאַליעס בלויען ענג צונויפֿגעדריקט.
דער הימל — אָנגעזעצט מיט הענגלעך שטערן —
איז מלכותדיק און בלוי. די וועלט ליגט שטיל
פֿאַרטיפֿט אין איר הוויה און פֿאַרקנוילט,
און יערט אין אירע בראשיתדיקע זאַפֿטן;
און אויף מײַן פּנים פֿאַלן קילע שפּריצן
פֿון שמעקעדיקן טוי.
גערבענטשטע נאַכט פֿון נעכט,
וואָס שווימט אין שטראַליקייט און בלויער רו —
ניטאָ בײַ דיר קיין פֿריִערדיקס און שפּעטערדיקס,
ווי ס'איז ניטאָ קיין שפּעטערס פֿאַר דעם בוים,
און פֿאַר די בערג די אייביקע אַרום,
וואָס הויערן אין שטראַלנדיקער ווײַסקייט
און מיניען זיך אין בלוי, און שליסן אײַן
אַ צירקל אַ פֿאַרכישופֿטן פֿון ניט דער וועלט.
און אַל דאָס בייז און אַל דאָס גוטס פֿון פֿריִער,
ווי די געאַנטע לייד און פֿרייד פֿון שפּעטער —

ווערט אָפּגעווישט און אָפּגעוואַשן ריין
פֿון מענטשנס האַרץ. דאָס האַרץ ווערט לויטער, פֿרײַ,
און די נשמה לײַכט מיט איר באַלויכטן ליכט
און שוועבט, ווי ס'שוועבט די גוטע, שטילע נאַכט
איבער די וואַסערן פֿון צײַט און רוים.

ד. אַ קליינע מאַמע

אַ מאַראַנץ־ביימל קליין, רחמנותדיק קליין,
איז פֿאַרקראָכן אויף אַ בערגל און געבליבן שטיין;
האָט אַרײַנגעשטעקט דינינקע וואָרצלען אין דר׳ערד,
איז געבליבן פֿאַרווּנדערט און זיך צוגעהערט.

איז געקומען זײַן מלאך צו פֿליִען אין פֿלי,
אים געקלאַפּט מיט אַ זונשטראַל אין פּלייצע: בלי!
און דאָס ביימל האָט געפֿאָלגט און האָט זיך צעבליט,
און די זון האָט געוואַרעמט און האָט אים צעגליט.

און פֿון בלי און פֿון גלי — אויף די צווײַגעלעך דין
האָט גענומען וואָס פּלאַצן. צו ערשט — קליין און גרין,
ווי די ניסלעך די קליינע געשפּאַרט און געשפּאַרט,
ווי די קליינטשינקע ניסלעך אַזוי שטײַף און האַרט.

נאָר די זון האָט געברענט און דער טוי האָט געקילט
און עס האָבן די זאַפּטן אין זיי זיך צעשפּילט;
זיך פֿאַרגרעסערט, פֿאַרקײַלעכט — עס שמעקט זייער הויט
און זיי גליִען ווי גילדערנע עפּל אין רויט.

און די מאַמע אויפֿן בערגל, צוויי פֿוס פֿון דער ערד,
שטייט אין נחת און קוועלט, פֿון דער משׂא באַשווערט;
האָט געטאָן איר שליחות — און זי לויכט אין אַרום,
ווי אַן אויסטערליש־רויטע פֿאַרצווײַגטע בלום.

רינגען

פֿון שטאָט אויפֿן וועג צו די בערג.
דער וועג לויפֿט אין רינגען און רינגען געדרייט,
פֿון איין רינג אַרויס און אַרײַן אין אַ צווייטן.
איך זיץ לעבן טרײַבער פֿון קאַר.
און ער — אײַנגעקלאַמערט צום טרײַבראָד
מיט אויגן פֿאַרשפּיצט, קאָנצענטרירט,
מיט ליפּן פֿאַרפּרעסט, וואָס שרײַען: געפֿאַר!
דער וועג איז צעלויכטן און גלאַנצט, שעמערירט.
אָט פֿאַלט זי אַרונטער, די קאַר, פֿונעם באַרג,
פֿון פֿעלדזיקן, שטעכיקן באַרג;
אָט-אָט שלאָגט זי אָן זיך אָן וואַנט פֿון שטיין,
און איין רגע שפּעטער — אָט פֿאַלט איר געביין
אַרײַן אין צעעפֿנטן תּהום און זײַן שלונד —
אָבער ניין!
דער טרײַבער איז שאַרף און פֿלינק און געזונט:
אַ צוק מיט דער האַנט, אַ קוק מיטן אויג,
און ס'טוט די קאַר ווידער זיך הייבן אַרויף
אין נײַעם רינג דורך אַ נײַעם פֿאַרבייג.
אַן איינזאַמער בושל שרײַט אויס זײַן רוף,
אויך ער פֿליט אַזוי, אויף אַ זײַט, אין אַ רינג,
מיט ווײַסע פֿליגל אין לויטערן בלוי.
פֿון פֿעלדזיקע אָפּבראָכן — פֿונק נאָך פֿונק,
מיר שווײַגן, און ס'קומט ניט קיין וואָרט אויפֿן צונג.
די קאַר טוט זיך העכער, אַרויף-צו אַ טראָג
און ס'טויכט אויף אין קאָפּ אַ פֿאַרגעסענער זאָג:
„ווונדערלעך זײַנען די מעשׂים דײַנע
און מײַן נשמה ווייסט עס גענוי".

אַ ווינקל אין ווערמאָנט

פֿאַר חנה און שמואל־דובֿ לייקין אין פֿרײַנדשאַפֿט

טעג — ליכטיקע, אַרײַנגעשלאָסענע
אין קייטן גרינע פֿון ווערמאָנטער בערג;
די בערג — זיי שטייען זון־פֿאַרגאָסענע
אין שאַרפֿן גרין פֿון אָנגעשפּיצטע צווײַגן
פֿון נאָדלביימער, און דאָס רוישן
פֿון בלעטערדיק־געצאָנקטע קעפּ פֿון דעמבעס
און האָניק־טריפֿנדיקע ליפּעביימער.
די גרויסע שטילקייט און דאָס טיפֿע שווײַגן
פֿאַרגרעסערט ווערן און פֿאַרטיפֿט דורכן געזשום
פֿון שווערע בינען גאָלדיקע און דעם געצוויטשער
פֿון די משפּחות רויטבײַיכיקע שוואַלבן,
וואָס האָבן זייערע נעסטן אויסגעבעט
אין אַלע שפּאַלטן אונטער די געזימסן
פֿון אַלטן הויז און האַלב צעפֿאַלענע שטאַלן.

אַ שווערער פֿעלדזיקער און האַרטער גרונט,
מיט רינגען בערג און טאָלן; אַלץ געקייטלט,
אַרום פֿון איין רינג און אַרײַן אין צווייטן.
די אייבערפֿלאַך — באַגראָזט, צעגרינט, געקווייטלט,
אין גלײַיקע קאָלירן, מיט פֿאַרצווײַגטע קוסטעס
פֿון ראָזע מאַלינעס, פֿון בלויע יאַגדעס
און גרינע אַגרעסן. ווי נאָר אָבער
די פּרוּווסט אַרײַנגראָבן אַ ביסל טיפֿער,
אַ צוויי־דרײַ מאָל אַ רידל אין דער ערד —
און באַלד שלאָגט אָן די רידל זיך אָן שטיין,
אָן פֿעלדזיקן גראַניט, און קענסט ניט ווײַטער גיין.

און אויך די וועגן די געפּלאַסטערטע זײַנען געבונדן
און לויפן אין געקרײַזטע ברייטע רונדן —
אַלץ רינגען אין אַ קייט. אַט אויף אַ וועג־פֿאַרבייג
אַ קלויסטערל אַן אַלטס אַנטפּלעקט זיך פֿאַרן אויג
אין אַ בית־עולם גרין־פֿאַרוואַקסן אין דער מיט.
איצט לויפט דער וועג אַדורכגעבראָכן דורך גראַניט
פֿון בײדע זײַטן זײַנע, שטרענג און אָפּגעשלאָסן,
דורך שווערע פּלאַסטן אַדערדיקע, זון־פֿאַרגאָסן,
וואָס שלאָגן אָפּ פֿון זיך און זייערע שפּיצן
מיט רויטלעך־בלויע פֿונקען — קליינע בליצן.

דער ווײַנגאָרטן

כרם היה לידידי — ישעיה ה׳ א׳

אַ ווײַנגאָרטן... געוואָרן אַלט דײַן ווײַנגאָרטן,
שטייט אויסגעטריקנט הײַנט, פֿאַרדאַרט־פֿאַרקוואַרט;
דער גרונט זײַנער — צעשפּאָלטן דאָ און דאָרטן
אין געלע גליבעס אײַנגעבאַקן האַרט.

דײַן צוים איז אײַנגעבראָכן, דורכוים שפּליטער,
ליגט אויסגעגליכן מיט דער ערד, צעשפּרייט;
און ווו ניט ווו אַ הענגל טרויבן גיפֿטיק־ביטער
מיט ווילדוווּקס ברענענדיקס צונויפֿגעדרייט.

און מיר — זײַן בליונגסצײַט שטייט פֿאַר די אויגן,
אין טוי און זון האָט דאָך זײַן ערד געקוועלט;
און טשאַטעס פֿייגל זײַנען זיך צונויפֿגעפֿלויגן
מיט קלאַנג און מיט געזאַנג פֿאַרהילכט די וועלט.

און בלוי האָט זיך געוועלבט דער הימל אויבן,
טיף־גרין דאָס גראָז און סאַמעטן־געדיכט;
און ס׳האָבן זאַפֿטיק־שווערע הענגלעך טרויבן
געגלימצערט פֿריש אין שאָטן און אין ליכט.

און הײַנט — די נעסטן זײַנען פּוסט, אַנטשוויגן,
אויף וויסטע פֿעלדער זינגען פֿויגלען ניט;
נאָר ס׳פּלאָנטערן זיך אום דאָרט אַלטע ציגן
און קלאַפּן מיט די קלויען אויס אַ ליד.

פֿאַרגעסנס

די אומרעכטן די מײַניקע, באַגאַנגענע,
פֿאַרגעסענע שוין לאַנג פֿונעם זכּרון —
זיי טויכן פּלוצעם אויף פֿון דאָס פֿאַרגאַנגענע
און ווישן אָפּ פֿון זיך דעם ראָסט פֿון יאָרן.

די גרויסע און די קליינע עוולות און געמיינקייטן,
וואָס זײַנען דורכן לעבן זיך פֿאַרלאָפֿן;
אַ גלײַכגילט צו אַ צווייטנס דורכפֿאַל, קליינקייטן,
זיי שטייען אויף און האַלטן דיך אין שטראָפֿן.

דאָס חכמהן זיך אַ מאָל, געמיין און נידעריק,
אויף יענעמס, אויף דײַן חבֿרס אויפֿשטײַג אינעם לעבן —
אַ שפּיציק וואָרט, אַ פֿאַלשער קוק, דערווידערדיק,
איז דאָס גאָר וואָס דו האָסט געהאַט צו געבן?

דאָס פּוסטע שפּיל פֿון אָפּנאַרן באַטריגעריש
אַ גוטן פֿרײַנד דײַנעם און זיך מאַסקירן,
און שמייכלען נאָך וווילױנגעריש און זיגעריש,
פֿרום-פּנימדיק דערצו, אַז יענער זאָל ניט שפּירן.

וואָס זאָגט מען מער? ניטאָ וואָס צו פֿאַרלייקענען,
ס'איז צײַט דעם אמת קוקן אין די אויגן;
אַלץ וואָס אַרײַנגעכאַפּט דו מוזסט אויסמייקענען —
ס'איז אַלצדינג ניט געשטויגן, ניט געפֿלויגן!...

אַן עוולה

אַן עוולה וואָס דו ביסט באַגאַנגען
מיט לאַנגע יאָר צוריק, העט ווײַט —
דוכט זיך, אַן אייביקייט זינט יענער צײַט
איז שוין פֿאַרגאַנגען;
האָסט קיין מאָל ניט פֿון דעם געטראַכט —
געלעגן אײַנגעקנוילט אין קעלער פֿון זכּרון,
ווי אָפּגעווישט, ווי ניט-געדאַכט —
און פּלוצעם זע: איז לעבעדיק געוואָרן,
זי האָט דערוואַכט,
זיך אויסגעפּלאָנטערט פֿון פֿאַרשפּינטן קנויל
פֿון צײַט און יאָרן
און האָט צעעפֿנט דאָס פֿאַרשטומטע מויל:
דערמאָנט און מאָנט, רעדט שטעכיקע דיבורים,
און פֿילט דאָס האַרץ אָן מיט יסורים.

אַ שיסעלע

אַ לענגלעכע שאָל פֿון אַ קראַב,
וואָס דער ים האָט אַרויסגעשפּיגן —
שטייט אויף מײַן טיש.
ס'איז האַרט, געשליפֿן, פּאָלירט,
ווײַס-געל, פֿון דרויסן קאַרבירט;
און אינווייניק — אויסגעהוילט טיף,
מיט בליציקע דינינקע אָדערלעך
אין ראָז און אין בלוי אויסגעשפּונען.
דער פֿלאַץ פֿונעם אויפֿבראָך,
פֿון וואַנען דער קראַב האָט אַרויסגעפּלאַצט
אויפֿן זאַמד פֿון ברעג ים,
קומט עטוואָס העכער פֿון מיטן;
אויך אויסגעהוילט טיף
און אויך אין געקאַרבטע שטרײַפֿן.
איך קוק אויפֿן שיסעלע לאַנג —
און דאָס אויג ווערט ניט זאַט
פֿון קליינעם ליכטיקן וווּנדער.

דער קרוג

ניטאָ נאָך אַזאַ מאָלער ווי אונדזער גאָט

(אַ שפּריצל פון מדרש)

ווער האָט דעם איידעלן טייַערן קרוג
באַטריבט און פאַרשאָטנט זייַן שייַן?
און ווער האָט אין קרוג אָנגעהויפנט ביז פול
די טרויבן פון גיפט, אַנשטאָט וויַין?

עס קאָכן די טרויבן אין גיפטיקן בריַי,
אויף שטיקער צעשפּרינגט באַלד דער קרוג —
זאָל קומען דער מאָלער דער גרויסער צו גיין,
זאָל קומען און זאָגן: גענוג!

אין וועג

אין ליכטיקן אָנדענק פֿון מײַן חבֿר־פּאָעט נחום יוד

ס'האָט ניט געטראָפֿן נאָך, אַז אין אַ לאַנגן וועג
זאָל איך ניט אָנבאַגעגענען אַזאַ מין קאַסטן:
ער שטייט אויפֿן פּעראָן פֿון אײַזנבאַן, לענג־אויס
פֿון פּלאַטפֿאָרמע אויף לאַנגן פֿלאַכן שטופּוועגל.
אַ מאָל — אין ליכט פֿון טאָג, נאָר מײנסטנס אין דער נאַכט.
אַ מאָל איז צוגענאָגלט צו זײַן דעק אַ קרענצל בלומען,
אַ מאָל — דאָס אויך ניט. אַ שמאָלער, לאַנגער קאַסטן,
וואָס פֿאָרט אין שוואַרצער נאַכט אַרײַן. ער פֿאָרט אַליין.
אַ מענטש, מיט אַלץ וואָס ער פֿאַרמאָגט, ליגט אײַנגעפּרעסט
אין אָט די גלאַטע געלבלעך־ווײַסע ברעטער.
אַ מאָל טרעפֿט אַז עס פּײַקלט איבער אים אַ רעגן,
אַ מאָל שאָרכט איבער אים אַ ווייכער ווײַסער שניי.
נאָר אײדער ס'וועט די ערד אים צונעמען, אַרײַננעמען
און אים אַרײַנפֿלאַנצן אין זיך — מאַכט ער אַליין
זײַן לעצטע איינזאַמע נסיעה אויף דער ערד.
ער האָט געלעבט, געליבט, האָט אָפּגעטאָן זײַן אַרבעט —
איצט איז ער פֿרײַ און פֿאָרט אַהיים. אַ גוטע נאַכט!

סאָנעט

דאָס ביסל האָניק אויפֿן שפּיץ פֿון שטעקן,
וואָס איז אין לעבן דיר געווען באַשערט —
איז זיס געווען צום גומען. ס'האָט די ערד,
אַ פֿריידיקע, אַ ליכטיקע, געטאָן זיך שטרעקן
און האַרץ און אויג געהאַלטן אין איין וועקן,
געגעבן אַלץ דיר וואָס דו האָסט באַגערט;
און אויב אַפֿילו ביסט אַ מאָל געווען באַשווערט —
האָט ווידער אויסגעלײַטערט זיך, ווי נאָך אַ רעגן.

פֿון ביסל האָניק איז איצט גאַל געוואָרן,
געבליבן בלויז דער שטעקן. מענטש, דו מענטש,
זײַ דאַנקבאַר פֿאַרן ביסל גוטס פֿון יאָרן
וואָס ס'האָט די ערד געגעבן דיר — און בענטש.
ס'קומט אויפֿגאַנג און פֿאַרגאַנג פֿון מוטערס טראַכט:
זײַ רויִק בײַם געזעגעניש — אַ גוטע נאַכט!

צער

ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין זײַן צער,
ווי אין אַ טיפֿער ענגער גרוב; די ווענט
פֿון גרוב האָבן געבּרעקלט זיך אונטער די הענט,
אָן אָנשפּאַר און אָן אויסגאַנג פֿון געפֿאַר;
דאָס אויג פֿאַרצויגן ווי אין נעפּל, שטאַר,
געזען און ניט געזען, און ווי פֿאַרבלענדט
אין גרוב אין זאַמדיקער אַרײַנגעקלעמט —
אַ וויסטער חלום פֿון אַ ווילדן נאַר.

און אַלץ וואָס האָט אַ מאָל גערעגט דאָס בּלוט
מיט ליבשאַפֿט און מיט פֿײַנדשאַפֿט און מיט האַס,
באַגער און דורכפֿאַל, פֿרייד און לייד און כּעס,
מיט אײַנשטעל און מיט וואַגעניש און מוט —
אַלץ, אַלץ ליגט אויסגעבּרענט אין אַש און גרויט
בּײַם טויער בּײַם צעעפֿנטן פֿון טויט.

נאַקעטער בוים

פּייגעלען

אַ מוטער־נאַקעטער שטייט ער דער בוים
מיט צווייַגן מיט פאַרהייבענע צום בלויען רוים,
די גראָבע צווייַגן — שווערע, געלע אָרעמס,
די דינע — אויסגעשטרעקטע געלע פינגער
וואָס שטאַרצן צונעם הימל אין אַ שטום געשריי
פאַר הילף און לעבן.
געלבלעך ווייַס זייַן שטאַם,
די קאָרע זייַנע אָפּגעשאָסן ווי פון פלאַם —
אָן אָרעמער אַזאַ, פאַרלאָזט־פאַרלוירן
אָן שום באַוועג; און פייגל, קליינע זינגער,
זיי וויַיכן פון־אים — שטייט ער ליידיק, אויסגעפרוירן;
צעקאַרבט זייַן לייַב אין טיפע שווערע קאַרבן,
וואָס שנייַדן איינס אין צווייטן זיך אַרייַן,
ווי עלטערלעכע קנייטשן.
שטייט ער אין פרימאָרגן־שייַן
אַ שטומער, אַ פאַרחלשטער, ווי פאַרן שטאַרבן;
דאָס גראָז אַפילו אונטער אים איז אויסגעברענט —
ניטאָ קיין שאָטן.
און אַרום אים
איז אַ געזעמל פון פריש־האָפּערדיקעביימלעך,
אַלץ לעבט און גרינט, מיט זאַפטן אָנגעגאָסן;
די צווייַגן, ווי די פולע לעבעדיקע הענט,
באַבלעטערט אין געדיכטן גרין — זיי רוישן היימלעך,
די ערד, וואָס אונטער זיי, איז גרין מיט גראָז,
און פייגל צוויטשערן אין ליכט און שאָטן

אַרײַן-אַרױס פֿון נעסטן; שפּרינגען שפּרינגער —
אַלץ שאַלט און שטראַלט, פֿריש-לעבן רופֿט זײַן רוף,
קענסט אַנטאַפּן די פֿרײד מיט בײדע הענט;
ס'איז גוט, ס'איז פֿרײדיק, ס'איז געראָטן!

נאָר ער, דער נאַקעטער, מיט קראַנקן גוף,
מיט אָנגעשפּיצטע אָרעמס און מיט פֿינגער
צום קלאָרן בלױען הימל שטום געװענדט —
שטײט עלנט, טרױעריק, פֿאַרשעמט.

גרין

...זע נאָר, ווי זיי האָבן זיך צעגרינט
די נידעריקע קוסטעס ביַי דעם וועג —
נאָך נעכטן־אייערנעכטן זיַינען זיי
געלעגן איַינגעדעקט אין הורבעס שניי,
די ריטלעך זייערע אָן שום באַוועג —
און היַינט, טו נאָר אַ קוק, עס גרינט.
געפֿאַלן איז אויף זיי אַן ערשטער שטראַל,
איין ביסל וואַרעמקייט און ליכט,
און שוין — געוואָרן אויפֿגעריכט.
פֿון איטלעך ריטל שפּאַרט און שפּאַרט,
ווי אַגרעסן ווי לענגלעכע און גרין;
אַלץ וואָס פֿאַרפֿרוירן און פֿאַרדאַרט
נעמט גרינען איצט פֿון שניי אַרויס.
וואָלט אויך מיט אונדז דער נס געשען —
אַז דורכן שניי פֿון יאָרן און פֿאַרגאַנג
זאָל אַלץ צעגרינען זיך און ניט פֿאַרגיין,
און ס'זאָל די גרינקייט — ליכטיק, ריין,
זיך אויסגיסן אין וואָרט און קלאַנג.

אַן אויג

אַן אומעטיק פֿאַרברוגזטער פֿאַרנאַכט
אין טיפֿןווינטער. וואָלקנס איבער וואָלקנס.
די וואָלקנס שווימען פֿלינק און פֿליסנדיק
און מישן אויס זיך איינער אינעם צווייטן.
זיי שיילן זיך אין די געדיכטע פֿלאָסטן,
אָט, דוכט זיך, וועסטו זען אַ שטיקל בלוי —
ס׳איז אָבער ניין. איין פֿלאָסט ווערט אָפּגעשיילט,
נאָר ס׳קרויזט זיך באַלד אַן אַנדער פֿלאָסט.
זיי גייען נידעריק. אָט הענגען זיי זיך אָן
אויף שטאַמען אויסגעפֿרוירענע פֿוןביימער,
אויף דעכער פֿון אַנטקעגנדיקע הײַזער —
פֿאַרפֿליסן און פֿאַרגיסן אַלץ אַרום
אין פֿרעסנדיקן בלוי. און פּלוצעם, זע:
דער שווימענדיקער פֿלום האָט זיך געשפּאָלטן
און ס׳האָט אַ שטיק פֿון זון זיך דורכגעריסן.
אַ קליינע רויטע זון, באַזוימט מיט כמאַרעס,
געגליט, אַן אָפּגלאַנץ, ווי צעשמאָלצן קופּער —
געהאַט די מראה פֿון אַ קליין רויט אויג.

בראָנקס

נאָך אַלע גילגולים פֿון צײַט און יאָרן,
נאָך אַלע וואַנדערנישן אין דער ברייטער וועלט —
בין איך צוריק אין בראָנקס אַרײַנגעפֿאַלן;
פֿאַר מיר — נאָך אַלץ דער שענסטער ווינקל
צוקאָפּנס פֿון דער ריזנשטאָט ניו־יאָרק.
די בראָנקס — מיט אירע פּאַרקן, וואַסערן,
פֿאַרגראָזט, פֿאַרבלומט, מיט שאָטנדיקע ביימער,
מיט דורכבראָכן אין פֿעלדזיקן גראַניט,
דורך וועלכע ס׳זײַנען דורכגעשניטן וועגן
וואָס שפּריצן אָפּ מיט שאַרפֿע בליצן־פֿונקען.

מײַן יוגנט פּלאָטערט אום דאָ אין די גאַסן —
זיך נאָך גענעלטערט. אויגן — אויפֿגעריסן ווײַט
זיך אָנצוזאַפּן מיט דער פֿולער פֿרישקייט
און ליכט פֿון יונגע טעג; די אָרעמס אָפֿן
אַרומצונעמען אַלץ אַרום. געווען אַ גאַס דאָ —
וועגדאָווער בײַם נאָמען, צווישן די צוויי פּאַרקן
קלערמאָנט און קראָטאָנאַ — נעסט פֿון טרוימער
און יונגע וויזיאָנערן; יעדער איינער
מיט זײַן באַזונדער ליכט און שטראַליקייט,
פֿאַרליבט, געפֿאַנגען פֿונעם וואָרט און ליד.

אָ, ליכט פֿון יונגע טעג און די לבֿנה־נעכט
אין דעמאָלטיקן קלערמאָנט־פּאַרק דעם באַרגיקן —
מיט אויפֿציטער פֿון זילבער אויף די גראָזן
און אויפֿציטער פֿון אויגן מיידלשע
אויף יונגע פּנימער. די פּנימער

פֿון נאָנטע, טײַערע, וואָס ליגן לאַנג שוין
אויף פֿעלדער פֿון לאָנג-אײַלאַנד און ניו-דזשוירזי.
און מיך, דעם לעצטן, האָט די האַנט פֿון גורל
צוריקגעבראַכט דאָ אין דער אַלטער בראָנקס —
ווו אָנגעהויבן — דאָרט צו ענדיקן.

פֿון "יונגע יאָרן"

— — — געזאַנג און קלאַנג
און ראַשיקער געפילדער פון דער הויפּטשטאָט,
און גלאָקנקלאַנג און ווילקלאַנג פון קאַסטיליש;
און רייַכע שפיגלדיקע פענצטער פון געשעפטן
אין בליאַסק און גלאַנץ, מיט אַלע לעצטע מאָדעס
פון לאָנדאָן און פּאַריז; מיט טייַערן קרישטאָל,
מיט גאָלד־און זילבער־צירונגען, און שנורן פּערל
אין אויפשטראַל פון דער שרייַיִקער באַלייַכטונג
אין שפּעטער נאַכט. דער פּאַלאַץ פון די שיינע קונסטן,
וואָס שווימט אין לופט ווי אין אַ גאָלדן נעפּל.
און הייסע גליִענדיקע מאַנצבילבליקן,
וואָס שטעכן זיך אַרייַן אין אַלע ווייבקייטן
פון די אַקעגנקומענדיקע יונגע פרויען;
דאָס שטראָמיקע געווירבל פון מאַשינען
מיט וואָר׳נונגען פון גרילצנדיקע האָרנס.
און באַלד דערבייַ די גרויסע אָרעמקייט,
די אויסגעשטרעקטע הענט נאָך אַ נדבֿה —
די שוואַרצע הענט, די ווייַסע הענט, די ברוינע,
צעקרימטע און צעדרייטע הענט פון זקנים,
פון אַלטע ווייַבער און פון יונגע ווייַבער,
און גלאַטע הענט פון ייִנגלעך און פון מיידלעך,
אַרונטער ביז די קליינע הענטלעך פון אַ קינד
ניט עלטער פון אַ צוויי־דרייַ יאָר. דער טשאַד און רויך
פון נידעריקע אויוועלעך אויף קוילן,
ווו ווייַבער פּאַטשן אוים די קוקורוזע־פלעצלעך

און באַקן זיי אין אייל אויף די פֿאַרשוואַרצטע בלעכן.
אַן עופּעלע, אַ בראַנדזן קינד, אַ פּיצלם,
וואָס ליגט אַ שוויַיגנדיקס אויף דער ראָגאָזשע
בײַם זײַט פֿון אויוועלע, בײַם טראָטואַר,
מיט אייגלעך אָפֿענע צום שטויביק־רויטן הימל.
אַ טשאַטע גאַסנמיידלעך, שטאַרק צעפּלאַשעט,
ווי הינער פֿאַר אַ שטורעם, וואָס צעלויפֿן זיך
מיט שנעלן פּײַקלען פֿון די קנאַפּל אַן אַספֿאַלט,
מיט שאַרכעניש פֿון קליידלעך און מיט קלינגלעניש
פֿון אָרעמבענדער, אוירינגען און קייטלעך —
געטריבן פֿונעם האַרטן דראָענדיקן קוק
פֿון שטרענגן פּאָליציאַנט. און יינגלעך־סוחרים
וואָס טרײַבן זייער מיסחר אין דער שפּעטער שעה,
פֿאַרשטעלן דיר דעם וועג און פּאַכען פֿאַר די אויגן
מיט בויגנס מיט קאָלירטע לאָטעריי־צעטלען
וואָס זאָגן גליקן צו; און גרופּן קינדער
האַלב נאַקעט, באָרוועס, ווי די בלודנע הינט,
וואָס רײַסן די פּלאַקאַטן פֿון געמאַכן,
כּדי מיט דעם זיך צוצודעקן, זיך צו שיצן
אין ערגעץ ווו אַן אָפּגעלייגטן ווינקל.
דאָס אַלץ און מער. און איבער דעם קאָשמאַר
פֿון טומל און געגרילץ און טשאַדנע ריחות —
שנײַדט זיך אַרײַן דאָס קלינגען פֿון די גלעקער
פֿון נאָענטן שכנותדיקן קאַטעדראַל,
וואָס רופֿט דעם עולם צו דער מיטנאַכט־תּפֿילה —
די קלאַנגען פֿאַלן שווער, מאַסיוו און נאַכאַנאַנדיק,
באַצווינגען אַלץ און דעקן אַלץ אַריבער.

אַ טרויער־פֿליגל פֿאָכט איבער דער לאַנדשאַפֿט
און שלעפּט זיך איבער חורבֿות פֿון קאָנוועגטן —
איך וואַנדער דורך דעם לאַבירינט פֿון קעליעס
פֿון חרובֿן קאָנווענט פֿון סאַן־אַנכעל,
און יאָרן הונדערטער פֿון קינאת־דת און צוואַנג
און בלוט און פֿײַער — קוקן פֿון די ווענט אַרונטער
פֿון די געמאָלטע פּנימער אין אײלפֿאַרבן
פֿון די אַמאָליקע באַוווינערס פֿון די קעליעס;
געמאָלן אין דער שוואַרצער שטרענגער טראַכט,
מיט ווײַס־געצאַקטע קאָלנערס אַרום העלדזער;
די גלאַט־ראַזירטע פּנימער — אַסקעטיש,
די אויגן — מילדע, שטילע און פֿאַרגיביקע.
נאָר אויב דו ווילסט דערגיין דעם סוד: פֿון וואַנען
די האַרבע גרויזאַמקייט פֿון צוואַנג און פֿײַער
צו שטיין איבערן בלוט פֿון דעם געפּײַניקטן,
און אויפֿנעמען אין זיך זײַן וויי און ליידן
אין אויפֿציטער און אויפֿשוידער פֿון מענטשן —
דאַן מוז דײַן בליק זיך אויפֿהאַלטן אַ ביסל לענגער
אויף זייער שניט פֿון מויל: איין דינער שאַרפֿער שניט
פֿאַרקרעמפּט, פֿאַרפּרעסט, ווי אײַנגעפּרעסט אין שטיין,
וואָס לאָזט ניט צו קיין שאָטן פֿון אַ שמייכל —
ווי ס׳האָט דאָס מאָלערישע אויג דאָס אויפֿגעכאַפּט
מיט דורות־לאַנג צוריק. די לופֿט פֿון מיטל־עלטער
איז שטיין געבליבן אין דער גרויסער חורבֿה,
אין סטיל אין מורישן, פֿון ציגל און גראַניט,
מיט די מאָזאַיִקס פֿון אַזשור און גאָלד;
ווו אַלע פֿענצטער קערן זיך צום הויף

אין פּאָרעם פֿון אַ לאַנגן טיפֿן חית —
און אין נאָכמיטאָגדיקן ווייכן ליכט
טוט שטיל די צײַט איר אַרבעט: זי באַגראָזט די ערד
דעקט צו אַ וואַנט אַ ווונדיקע מיט קלעטערוויזן
און גרינט און ווײַסט די שווערע וואַסער-ליליעס
אין שימלדיקער גרינקייט פֿון באַסיין
וואָס ליגט אין מיטן הויף; און פֿייגל צווימשערן
און פֿלוידערן אַרונטער פֿון די אַלטעביימער
און גרינע שפּרינגער הוידען זיך אויף גראָזן.

איך בין געווען אין דעם באַרימטן קלויסטער
פֿון מוטער דאָלאָראָזאַ פֿון דער גוואַדאַלופּע,
די מאַמע פֿון דער הילף דער אייביקער אין לאַנד
פֿון אַלע לײַדנדיקע. ס'האָט דער מאָלער,
וואָס האָט דאָס בילד געמאָלן פֿאַר דער אייביקייט,
אַרײַנגעאָטעמט אין געמעל אַזוי פֿיל טרויער
און צער איבערמענטשלעכן. מיט אַ צוק פֿון פּענדזל
אין ווינקלען פֿון די אויגן, זיי געגעבן טיפֿקייט,
ווי לעבעדיקע טרערן וואָלטן דאָרט געשימערט.
דאָס פּנים — לענגלעך, יונג און שטראַלנדיק,
און די פֿיגור אין פֿולער שלאַנקער הייך
דראַפּירט אין וואַרעמען און ווייכן פּורפּור.
נאָר אין דער זעלבער צײַט — האָט אויך דער קינסטלער
אַרײַנגעטאָן אין איר אַזוי פֿיל ווײַבלעכקייט
און רייץ און אַלע ערדישע געלוסטונגען
אין יעדן קנייטש און בייג פֿון גוף און פּנים —
אַז כ'הייב אָן צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס אין מיטל-עלטער

ווען ס׳האָט אַ ייִד געקוקט בלויז אויף אַ בילד אַזאַ,
איז טויט געווען זיין שטראָף, פאַר חילול־קודש.
זי שטראַלט פון וואַנט אין דער מאַסיווער ראַם
פון שווערן גאָלד און דאָמינירט די קירך
מיט אירע מירמלנע סטאַטועס און געמעלן,
פון דיל ביז צו דער טיפער און געוועלבטער סטעליע.
(אַפילו ער, דער זון, איז פאַרטושירט אַ ביסל
אין דער־אַ קירך. ער ליגט אויף דר׳ערד, אַ מאַנעקען,
אין שוואַרצן אַנטועכץ, מיט ברוינעם בערדל,
פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק, אַן אָרעמער אַזאַ,
און קוקט מיט אויגן גלעזערנע צום עולם).

די שיין פון מיטנטאָג דורך פענצטער גאָטישע,
געמאָלט אין טיפן בלוי, שטראַמט אָפּגעקילט,
און וואַרפט אַ בלוילעך, אַ ניט־ערדיש ליכט
אויף ווענט און אויף סקולפטורן און געמעלעכצן,
און אויף די בערג פון פרישע גלאַדיאָלאַס
וואָס בלאַנקען, גרין־און־ווייס, אויפן אַלטאַר.
און אונטער אירע פיס — די ברענענדיקע ליכט,
אַ ים פון ליכט — אַ לאַנגע מענטשנקייט,
איינס נאָכן צווייטן, שאַרט זיך אויף די קניען,
מיט ברענענדיקע ליכט אין הענט — דערגרייכט
צום ברייטן פיעדעסטאַל פון מירמלשטיין
און שטעלט זיין ליכט, פאַלט מיטן פנים צו דער ערד
און קלאַפּט זיך מיטן שטערן אָן גראַניט
און צלמט זיך עקסטאַטיש, פיבערדיק,
און ציט זיך אויף צוריק. סאַראַ פּראָצעסיע
פון פנימער, פיגורן און קאָלירן —

די אויסגעכּאַליעטע און צאַרטע פּנימער
פון בלאַסע שפּאַניערינס, געקליידט אין זײַדנס,
וואָס ס׳ציט פֿון זיי אַ דינער ריח פֿון פּאַרפֿומען,
מיט אויסגעהאַקטע אַלטע שפּיצן אויף די קעפּ;
און פּנימער פֿון עבּאַני און בראָנדז און קופּער
אויף וועלכע ס׳האָבן מידבר־זון און הייסע ווינטן
אַרײַנגעשריבן זייער שריפֿט און זיי פֿאַרברוינט,
געקאַרבט אין נעצן היעראָגליפֿן־קנייטשן.
געמאַגערט זיי, געשווילט זיי און געבראָכן
און זיי געבראַכט אַהער — אין שוואַרצע שמאַטעס
מיט שווערע טיכער שטויביקע איבער די קעפּ,
נאָך טרייסט צו איר, דער שטראַלנדיקער געטין.
און מאַנסלײַט: יונגע, מיטל־יעריקע און אַלטע,
און אויך מיט ליכט אין הענט, און אויף די קניִען.

**

אַצינדערט ערשט, אין אָוונט פֿון מײַן לעבן,
באַטראַכטנדיק די שוועל פֿון פֿרעמדן גאָט
מיט גאָר זײַן פּראַכט און מיסטישער פֿאַרשלייערטקייט —
באַנעמט דער ייִד אין מיר די קלאָרע קלוגשאַפט
וואָס ליגט אין צווייטער דיברה פֿון באַרג סיני:
„דו זאָלסט ניט מאַכן זיך קיין שניצונג און געמעל,
צו זיי ניט דינען און ניט בוקן זיך צו זיי״.
דער גאָט פֿון סיני און פֿון חורבֿ האָט קיין גוף ניט —
ער האָט איין מאָל באַוויזן זיך צו משהן,
אין פֿײַער פֿון דעם דאָרנבוש געברענט —
האָט משה פֿאַרכט געהאַט אויף דעם צו קוקן
און האָט זײַן פּנים מיט די הענט פֿאַרשטעלט.

און שפּעטער מיט אַ צײַט, ווען ער האָט זיך געבעטן:
„באַווײַז דײַן פּנים מיר!" — געקומען איז דער ענטפֿער:
„דער מענטש קען מיך ניט זען און לעבן בלײַבן".
יחזקאל — פֿאַר זײַן זעונג אויפֿן טײַך כּבֿר —
האָט נאָך אַ האָר פֿאַרשפּילט זײַן אייביקייט
צוליב זײַן שילדערונג פֿון דער מרכּבֿה.
די בעלי־מדרש און אַגדה האָבן געזאָגט:
„ניטאָ קיין אָרט קיין ליידיקס אויף דער ערד,
ווו ס'איז די שכינה ניט פֿאַראַן". און ס'האָט דער רמב"ם,
אין וועמעס ליכט מיר גייען נאָך ביז הײַנט,
אין זײַנע דרײַצן עיקרים פֿון אמונה
די צווייטע דיברה פֿאַרמולירט פּרעציז און קלאָר,
וואָס קלאָרער קען ניט זײַן, אַזוי צו זאָגן:
„איך גלייב באמונה שלמה, אַז דער בורא,
געבענטשט זאָל זײַן זײַן נאָמען, איז קיין גוף ניט,
און אַלע קערפּערלעכע אַטריבוטן
עס זײַנען בנוגע אים ניט גילטיק,
און ער האָט כּלל צו זיך קיין דמיון ניט".
און דאָ — און הונדערטפֿאַכיק מער אין קאַטעדראַל —
פֿאַרקערפּערונג פֿון גאָט אין שטיין און מירמל,
און מאָלערײַען אויף די שאָטנדיקע ווענט.
דער מאַן פֿון גליל — אויב ס'איז געווען אַזאַ —
אין אַלע פֿאַזעס פֿון זײַן קורצער עקסיסטענץ.
נאָר מער פֿון אַלץ גייט דורך דאָרט דער מאָטיוו
פֿון קרייציקונג און אויפֿשטײַג צונעם הימל;
אַ לאַנגע דריקנדיקע בילדער־גאַלעריי
פֿון מאַן וואָס גייט געבויגן אונטערן צלם
זײַן לעצטן גאַנג; אַ צוגענאָגלטער צום האָלץ,

דער דערנערקראַנץ וואָס טריפֿט מיט טראָפּנס בלוט,
מיט בלוטנדיקע לעכער אין די הענט און פֿיס.
און איבער דעם — די פֿולע כליפּענדיקע כוואַליע,
פֿון איין גוס קלאַנג, פֿון אַלע רערן פֿונעם אָרגל,
וואָס קלאַפּט זיך אָן די שווערע סומנע ווענט
און אָן דער טיפֿער און געוועלבטער סטעליע —
און טרייסלט אויף דעם חלל פֿון דעם גרויסן הויז
ביז זײַנע פֿונדאַמענטן אונטן. פֿײַער־פֿאַנען
וואָס וואַרפֿן ווײַרעך איבערן אַלטאַר;
און גרופּן פֿון גלחים אין דער תּפֿילה
אין ווײַסע, גאָלד־געהאַפּטע קורצע קיטלען
פֿון איבער שוואַרצע בגדים — אַ מין אפֿוד —
און דער מעטאַלקלאַנג פֿון די קורצע פּסוקים
אין אַלטן קלינגעדיקן לשון, אין לאַטייניש,
מיטן רעפֿריין: „אָ דאָמינע, אָ דאָמינע!"
איין רגע, ווען כ׳פֿאַרמאַך די אויגן, דוכט זיך מיר
דאָס הער איך ייִדישס, אייגנס, פֿון די אַלטע דורות,
כּוהנים דוכנען בײַ דער עבֿודה,
געוויין פֿון תּהילים־זאָגער אין די אַלטע שולן.
נאָר עפֿן איך די אויגן ווידער אויף
און זע די מירמלנע סטאַטועז אין די נישעס,
די בילדער אויף די ווענט מיט בלוט און ווונדן —
נעמט דוכטן מיר, כ׳געפֿין מיך בײַ אַ געטערדינסט
אין טעמפּל אין אַ גריכישן פֿון דעם אדאָנים.
דו אײַלסט צוריק פֿון טונקלעניש
צו זון און ליכט, צום טומל פֿון דער גאַס,
צוריק אין פֿרישער גאָטגעבענטשטער לופֿט
אונטער דעם פֿריידיקן און קלאָרן הימל.

* *

און איך געדענק אַ ווײַטן אָפּגערוקטן טאָג
אין ליכטיקן פֿרימאָרגן פֿון מײַן לעבן —
אַ זומערטאָג פֿון לויטער זון און בלויקייט,
וואָס בלויז אַ קינד מיט זײַנע פֿרישע אויגן
און אַלע זײַנע לעכצנדיקע חושים
קען אויפֿנעמען מיט אַלע רמ"ח אבֿרים
אין פֿולער פֿולקייט און אין ערשטער פֿרישקייט.
דאָס אויג איז שאַרף, פֿאַרשלינגט די מינדסטע רעגונג
פֿון בלוי און גאָלד, פֿון ליכט-און-שאָטן-שפּיל,
דעם נאָנטן שטח מיט די בליאַסקענדיקע זאַמדן;
דאָס ביסל גרינס פֿון גערטל לעבן הויז
און גאָר זײַנע שאַטירונגען פֿון גרין;
די קריכנדיקע קליינע ברואים אויף דער ערד
און אין דער לופֿט — די פֿײַנקאָלירטע פֿלאַטערלעך
און שיסנדיקער פֿלי פֿון ברוינע שוואַלבן;
און דאָס געזשום און שמוצער און געפּידל
פֿון גריל און היישעריק אין גראָז אַרום
קלאַפּט אָן זיך אָן דעם פּויק פֿון יונגן אויער
אין פֿולער שאַרפֿקייט, ציט ווי דורך אַ מייערקאָפּ,
וויברירט און קלינגט. אַ זומערטאָג פֿון גאָט,
ווי ס'גיט זיך אײַן אַ מאָל אַ טאָג אין ליטע,
אַ פֿולער, ווי אַ בעכער ווי אַ גאָלדענער
מיט פֿינקלדיקן ווײַן. (אוודאי האָט געמוזט
ראש-חודש אויספֿאַלן אין יענעם טאָג,
אַניט — ווי קום איך אין אַ מיטן מיטוואָך
אין פֿרײַען דרויסן?) אין דער אַ ליכטיקייט

באוויַזט זיך פּלוצעם די געשטאַלט פֿון טאַטן —
אַ שלאַנקער, גראַדער, אין זײַן שטילן גאַנג
אין שבתדיקער לײַכט-אַלפּאַגענער קאַפּאַטע.
די זויבער-ווײַסע שפּיצן פֿונעם העמדקאַלנער
איבער די קלאַפּעם פֿונעם ראָק. די שוואַרצע באָרד
מיט זילבער-פֿעדעם דורכגעצויגן דאָ און דאָרט.
ווּ קלײַבט זיך דאָס דער טאַטע גיין אַצינד?
איך וואַרף אַוועק אַלע געשעפֿטן מײַנע
און לאָז מיך מיט אים מיטגיין. נאָר דער טאַטע
איז ניט צופֿרידן מיט זײַן באַרוועסן באַגלייטער
און זוכט מיך אָפּריידן מיט גאָר אַ סך תּירוצים.
און דאָ קומט מיר צו הילף דער מאַמעס קול
פֿון פֿענצטער פֿון דער שטוב אַרויס: „וואָס אַרט דיך,
ס'וועט זײַן דיר פֿריילעכער צו גיין דעם וועג,
און זאָל ער טאַקע געבן אים זײַן ברכה".
(פֿון אירע רייד באַנעם איך, ווּ דער טאַטע גייט —
דאָס גייט ער אויף באַזוך צום אַלטן קאָוונער רבֿ,
ר' יצחק אלחנן, וואָס פֿאַרברענגט דעם זומער
אין נאָענטן וואַלד, אַ צוויי-דרײַ וויאָרסט פֿון דאַנען;
און דאָס פֿאַרשאַרפֿט נאָך שטאַרקער מײַן באַגער
מיטן טאַטן מיטצוגיין). דער טאַטע קוקט מיך אָן,
און מעסט מיך אָפּ פֿון אויבן ביז אַרונטער;
איז מסכּים סוף-כּל-סוף מיך מיטצונעמען,
נאָר מיטן תּנאַי: כ'זאָל פֿריִער גוט זיך אָפּוואַשן
דאָס פּנים מיט די הענט און אָנטאָן שטיוועלעך.

אַ לאַנגע אייביקייט איז דורכן משך
פֿון יענעם טאָג ביז הײַנט אַדורכגעגאַנגען —

האָט גלייַכגילטיק פֿאַרמעקט און אָפּגעווישט
דאָס לעבן פֿון אַ פֿאָלק אַ גאַנצס אויף יענער ערד,
צעטראָטן אַלץ און ניט דערבאַרעמט, ניט געשוינט,
און נאָכגעלאָזט נאָך זיך די גרויסע פּוסטקייט —
און איך, דאָס יונגע יִינגל פֿונעם ווייַטן טאָג,
בין אַלט און מיד, געבראָכן פֿונעם לעבן,
און שטיי איבער דעם בלוטיק-שוואַרצן תּהום
פֿון חורבן און פֿאַרלענדונג. נאָר דאָס ליִכט
פֿון יענעם טאָג אין זייַן נאָכמיטאָקדיקער שעה —
גייט אויף מיט גאָר זייַן פֿרישקייט און זייַן ערשטקייט,
ווי דעמאָלט, אין זייַןווירקלעכקייט און וואָר.
איך זע דעם דורותדיקן אַלטן וואַלד
מיט זייַנע ריזיק-הויכע אַלטע סאָסנעס
אין ליִכט און שאָטן פֿון געדעמפּטער זונשייַן;
די ווייכע דעק פֿון מאָך אונטער די פֿיס,
מיטן נאָדלפֿאַל, פֿאַרברוינט פֿון לאַנגע יאָרן,
און שאַרפֿער שטראָם פֿון די באַרוישנדיקע ריחות:
דער ריח פֿון די געלע טראָפּנס פּעך
און דעמפּער ריח ערדישער פֿון שוואָמען,
פֿון פּאָזשעמקע דער רויטער, דער פֿאַרשפּעטיקטער,
און פֿון די פֿייַכטקייטן פֿון בלויער יאַגדע.
און דורכן אויער גייט געזשום און קלאַנג
פֿון וואַלדיקן געווימל אין זייַן שאַפֿן —
מיריאַדן ברואים, גרעסערע ווי קלענערע,
אַנטפּלעקטע פֿאַרן אויג ווי די פֿאַרבאָרגענע,
פֿון די מוראַשניקעס צעווישן פּאַפּאָראָטניק,
ווי פֿון די גרויע וועוויריקלעך אין צווייַגן
און שרעקעוודיקע האָזן אין דעם אונטערגרונט;

פֿון שוועריער בין דער גאָלדיקער אין אַרבעט
ביז צו דעם האָלצפּיקער אין שפּיץ פֿון בוים
וואָס פּיקט און שלאָגט אין האָלץ ווי מיט אַ העקל,
און ביז דעם הילכיקן געשריי פֿון ראָבן.
און אָט — אין שאַרפֿן אויסבייג פֿונעם וואַלדשטעג
בליצט אויף דער ניעמאַן-טײַך אין גאָר זײַן בלויקייט,
אַ גאָלדיקער אין פֿולן זונליכט, אַ צעשטראַלטער,
מיט קורצע שאַרפֿע אויפֿבליצן פֿון שימער.
דאָס קליינע שיפֿל טאַנצט איבערן וואַסער —
און אָט איז דער אַנטקעגנדיקער ברעג
און מיטן פֿריש-געקאַלכטן שטיבל אויפֿן בערגל
אין נײַעם גרין און ליכט.
דער קאָוונער רבֿ
איז שוין געווען דאָן אין זײַן הויכן עלטער,
זײַן שטאַלטנע פֿולבלעכע פֿיגור געבויגן —
איז ער אַרויסגעקומען פֿון דער וואַלדשטוב,
געבליבן שטיין אַ רגע אין דער טיר,
זיך אָנגעלענט אָן לײַסט מיט דער מזוזה;
און ס'האָט דער גרינער שאָטנדיקער דרויסן
ווי אויפֿגעלויכטן פֿון זײַן בלאַנקער ווײַסקייט.
געקליידט אין טיפֿן שוואַרץ, וואָס האָט נאָך בולטער,
נאָך שאַרפֿער, קענטיקער, אַרויסגעבראַכט
די איידעלע און ריינע זילבער-ווײַסקייט
פֿון פֿײַנעם לייבנקאָפּ מיט לאָקן לענגלעכע
איבער דעם עטוואָס שווערן רונדן נאַקן,
און פֿון דער שיינער לאַנגער באָרד. די נאָז —
כאַראַקטעריסטיש שאַרף, מיט איר האָרבינקע,
די גרויסע בלויע אויגן קלאָר, ווי בײַ אַ קינד,

פֿאַרצויגן מיטן טוי פֿון טרויער (אָ, די אויגן,
וואָס אַלע צרות יִדישע פֿון גאַנצן כּלל,
פֿון גרויסער ברייטער רוסישער אימפּעריע
זײַנען פֿאַר זיי געקומען און נאָך הילף גערופֿן —
די אויגן וועלכע האָבן זיך באַגעגנט
מיט די פֿאַראַכטנדיקע קאַלטע בליקן
פֿון זיי, די לעצטע מלכים פֿון ראָמאַנאָוום הויז).
און ס'איז געווען, ווי ס'וואָלט דער שטילער ווינקל,
דער פּראָסטער טיש מיט ספֿרים אויפֿן הויף,
דער פֿליסנדיקער וואַסערפּאַס פֿון אונטן,
און ווײַסע שטילע וואַלקנדלעך פֿון אויבן —
געווען ניט מערער, ווי אַ ראַם פֿאַר זײַן געשטאַלט
פֿאַר אַט דער הערלעכער געשטאַלט פֿון אַלטן גאון,
ווי איינער פֿון די זקנים-שופֿטים פֿון אַמאָל,
מיט שטאָלץ און חשיבֿות, מיט עקשנותדיקן גלויבן
אין אייביקייט פֿון פֿאָלק.
ער האָט אַראָפּגעקרעכצט
די צוויי-דרײַ טרעפּלעך פֿונעם ווײַסן גאַנעק
פּאַמעלעך, שווער, זיך אָנגעלענט אָן זײַן משמש,
דעם אַלטן ר׳ כּתריאל. שטיל, מיט טריט פּאַמעלעכע
איבערן ווייכן גראָז, פֿאָרויסגעקומען
באַגעגענען זײַן גאַסט. אַ ליבער שמייכל
האָט אויפֿגעלויכטן אויפֿן בלאַסן פּנים,
אָן איידל-ווײַסע ציטערדיקע האַנט
האָט אויפֿגעבלאַנקט פֿון שוואַרצן ברייטן אַרבל:
„שלום-עליכם אײַך, ר׳ אײַזיק, אַ גאַסט, אַ גאַסט!"
„עליכם-שלום, קאָוונער רבֿ, וואָס מאַכט דער רבי?"
דער טאַטע בלײַבט אויף זײַנע פּיס, ביז ר׳ כּתריאל

באַזעצט דעם אַלטן רבֿ אין צווייַגנדיקן לענשטול
בראָש פֿון טיש. „נו זעצט זיך, זיצט, ר׳ אײַזיק,
וואָס הערט זיך גוטס?״ — און ס׳גייט אַוועק אַ שמועס,
און באַלד דערויף צעעפֿענען זיך ספֿרים
וואָס אויפֿן טיש — די בלאַסע פֿינגער בלעטערן;
די בלויע אַלטע אויגן ווערן אויפֿגעלעבט,
די יונגע ברוינע אויגן ווערן אויפֿגעבליצט.
דער שמש ר׳ כּתריאל פּאַדיעט אום,
פֿאַרשווינדט מיט פֿלינקע טריט אין הינטערהויף
און קומט צוריק באַלד מיט אַ קוישל עפּל.
(ער האָט דאָס רישעות, געבן מיר אַן עפּל
און מאַכן זאָגן מיר די ברכה אויפֿן קול.
ווי אויף להכעיס ווערט דער טיש אַנטשוויגן
און הערט זיך צו אין שטילקייט צו דער ברכה
און ענטפֿערט רויִק און געלאַסן: אָמן!).
אַצינד נעמט ער זיך אָפּראַמען דעם טיש
פֿון צו פֿיל ספֿרים, לויפֿט אין שטוב אַרײַן
און קומט צוריק מיט אַ קאָלירטן טישטעך
און שפּרייט עס אויפֿן טיש. אַ רגע שפּעטער —
און ס׳ברענגט די באַלעבאַסטע פּונעם הויף
מיטן געבלימטן טיכל אויפֿן קאָפּ
דעם זידנדיקן זינגעוודיקן סאַמאָוואַר.
ערשט איצט ווערט ר׳ כּתריאל שטאַרק פֿאַרנומען —
פֿאַרבריט מיט טיי דעם טשייַניק, וואַרט אַ רגע,
צעגיסט דעם טיי אין פֿינקלדיקע גלעזער,
וואָס רייטלען זיך אין איידעלן קאָליר
און מיניען זיך אין ליכט-און-שאָטן-שפּיל.

אין יענער רגע, קוקנדיק פֿון וויַיטן
אויף דעם מזומן ייִדן אַרום טיש,
וואָס איז פֿאַרטאָן, פֿאַרטיפֿט אין דבֿרי־תּורה
אין גרינעם, שטילן, גאָט־געבענטשטן ווינקל —
האָב איך געזען פֿאַר זיך אין פֿולער שלמות
דאָס בילד פֿון אונטערשטן גן־עדן אויף דער ערד,
וואָס איך בין שוין געווען מיט אים באַקאַנט
פֿון די באַשרײַבונגען אין מעשׂה־ביכלעך.

אינהאַלט

פֿון „קענטאַקי"

[11] BLUE GRASS
[13] ווינטער
[19] באַרג־אַרויף
[25] מחותּנים
[30] דער טאָג

ירושה

[39] ירושה
[40] עלעגיש
[42] קַיִן
[44] יוסף און זײַן האַרינטע
[48] די קליינע אַבֿישג
[50] דער מענטש שאול
[51] אוריה דער חתּי
[52] ר' נחמן בראַצלאַווער אין איסטאַמבול
[54] פּופּציק ספֿרי־תּורה
[56] די וואַנט
[58] הקפֿות

ליב איך די ערד

[63] **
[64] אין עפּלפֿעלד
[66] די עלעגיע פֿון אויסגעהאַקטן עפּל־גאָרטן
[68] דאָס ליד פֿון אָפּגעבליטן דור

[72] אין ליכט פֿון סוף־זומער
[76] אַן אַלטער ייִד מיט צוויי הינט
[78] אַלטוואַרג
[80] נאָך וועגן אַלטוואַרג
[83] אַן אַלט פּאָרל בײַם ים
[84] לאַנג־לעבן
[86] אַ ליד אַן גראַמען
[87] בלעטערפֿאַל
[88] ליד
קאַליפֿאָרניער מאָטיוון
[89] א. דער מידבר אין זונפֿאַרגאַנג
[91] ב. איבער פּאָוס מאַנוסקריפּט פֿון „אַנאַבעל לי“
[92] ג. אַ לבֿנה־נאַכט אין די בערג
[94] ד. אַ קליינע מאַמע
[95] רינגען
[96] אַ ווינקל אין ווערמאָנט
[98] דער ווײַנגאָרטן
[99] פֿאַרגעסנס
[100] אַן עוולה
[101] אַ שיסעלע
[102] דער קרוג
[103] אין וועג
[104] סאָנעט
[105] צער
[106] נאַקעטער בוים
[108] גרין
[109] אַן אויג
[110] בראָנקס

פֿון „יונגע יאָרן“

[115] מעקסיקע